STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02813

ZOOLOGYE

O. Schmeil

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּראָפעסאָר אָטאָ שמייל.

זאָאָלאָגיע

די יסודות פון דעם לימוד וועגן דעם לעבן און געבוי פון די בעלי־חיים ביאָלאָגיש באַהאַנדלט.

באַאַרבעט פון אָריגינאַל ז. ריזען.

מיט בילדער אין טעקסט.

ערשטער טייל:

זויגערס

צווייטע אויפלאַגע

ווילנע — תרפ"א.
1921

שול־פאַרלאַג

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראָקער גאַס 13.

שול-פארלאג
ווילנע

הויפט-פארקויף ש. שרעבערק, ווילנע, רודניצקער גאס 16, בוכהאנדלונג „צענטראל".

טערמינאָלאָגיע.

Гончая собака	יאַגהונט —
Такса	דאַקסהונט —
Куница	מאַרדער —
Бѣлодушка	שטיינמאַרדער —
Соболь	סויבל —
Хорекъ	טכויר —
Ласка	ווילטיר (שנייוויזל, וויזעלע) —
Горностай	גרויסער ווילטיר (האַרמעלין, האַרמעלע)
Барсукъ	דאַקס —
Всеядное	אַלצפרעסער —
Выдра, Fischotter	טייכהונט (ווידרע) —
Ластоногія, Flossenfüssler	פֿעדערפיסיקע (פלוספיסיקע) —
Тюлень, Seehund	ים-הונט —
Моржъ, Walross	ים-פערד —
Рукокрылыя, Flattertiere	האַנטפליגלדיקע —
Летучая мышь	פלעדערמויז —
Ушанъ, grossohrige Fledermaus	לאַנגאויער —
Подковоносъ, Hufeisennase	פאָדקעווע-נאָז —
Летучая собака	פליענדיקער הונט (פלעדערהונט)
Насѣкомоядное	אינסעקטנפרעסער —
Кротъ	מוילוואָרף —
Личинки, Raupen	שלייערלעך (רייפעלען) —
Раковины	מושלען —
Улитки	שנעקעס —
Землеройка	ערדגראָבער (שפיצמויז) —
Ежъ, Jgel	גאָדלער (שטעכלער) —
Грызуны, Nagetiere	נאָגערס —
Бѣлка, Eichhörnchen	וועווערקע (פייעלע) —
Алпійскій сурокъ	אַלפנפעפער — (אַלפּישער מורמלטיר)
Бобръ	ביבער —
Хомякъ	האַמסטער —
Крыса	וואַנדער-ראַץ (פאַצוק, שטשור) —
Полевая мышь	פעלדמויז —
Водяная крыса	וואַסער-ראַץ —
Заяцъ	האָז —
Кроликъ, Kaninchen	קינגל —
Хоботныя, Rüsseltiere	שנוק-חיות —
Слонъ, Elefant	העלפאַנד —
Хоботъ, Rüssel	שנוק (חוטם) —
Отростокъ	איבערבײַנדל —
Парнопалыя, Paarzeher	צעשפּאָלטנקלויענדיקע (פּאָרפינגערדיקע) —
Нежвачныя, nicht Wiederkäuende	ניט מעלה-גרהדיקע —
Кабанъ, Wildschwein	וואַלד-חזיר (ווילדער חזיר) —
Гиппопотамъ	היפּאָפּאָטאַם (בעהעמאָט, ניל-פערד) —
Позвоночный столбъ, Wirbelsäule	חוט-השדרה (רוקנווייל) —
Позвоночныя животныя, Wirbeltiere	חוט-השדרה-דיקע (רוקנווייליקע, קנאָכנבײנערדיקע) בעלי-חיים
Позвонокъ, Wirbel	וואָרבל (חוליה) —
Мозгъ	מוח (מאַרך, געהירן) —
Спинной мозгъ	רוקנמאַרך —
Зрѣніе	ראיה —
Слухъ	שמיעה (געהער) —
Обоняніе	חוש-הריח —
Осязаніе	חוש-המישוש (טאַפּ-חוש) —
Носовая полость	חלל פון נאָז —
Пищеводъ	שפּייזרער (וושט) —
Печень	לעבער —
Селезенка	מילץ —
Дыхательное горло	לופט-רער —
Легкое	לונג —
Почка	ניר —
Мочеточникъ, Harnleiter	אורינרער —
Мочевой пузырь, Harnblase.	פענכער —
Конечности, Gliedmassen	ענדגלידער —
Черепъ, Schädel	שאַרבן —
Челюсть	קינבאַק —
Коренной зубъ	באַקצאָן —
Рѣзцы	שנײַדציין —
Клыки	רייסציין (שטויסציין, עקציין) —
Пасть	פיסק (מויל) —
Туловище	גוף (לײַב) —
Коготь, Kralle	קרעל —
Суставъ	גלענק —
Ушныя раковины, Ohrmuscheln	אויערלעפּלען —
Кисть, Hant	האַנטוואָרצל —
Хрящевой, knorpeli	ווייכביינדלדיק —
Подошва, Sohle	זויל —
Млекопитающія	זויגערס (זויגנדיקע בעלי-חיים) —
Обезьяна	מאַלפּע (אַף) —
Мартышка, Meerkatze	ים-קאַץ —
Ревунъ, Brüllaffe	שרייער —
Маки—домовой, Gespenstmaki	מאַקי דער ניטגוטער —
Хищныя, Raubtiere	רויבערישע בעלי-חיים (פאַרצוקערס) —
Леопардъ	לעמפּערט —
Рысь	לוקס —
Гіена полосатая	היענע געשטרייפטע —
Гіена пятнистая	היענע געפלעקטע —
Порода	ראַסע —

טערמינאָלאָגיע

פּוסטהאָרנדיקע — Полорогія, Horntiere
רינד — Корова или волъ
אויעראָקס — Первобытный быкъ
קלויען (קאָפּיטעס) — Копыта
ערשטער מאָגן (פּליאַקע) — Рубецъ
נעץ־מאָגן (טשעפּטשיבע) — Сѣтка
בלעטער־מאָגן (מיגעלע) — Книжка
לאָב־מאָגן (קוטניצע) — Сычугъ
בופלאָקס — Буйволъ
סארנע (געמזע) — Серна
הערשנהאָרנדיקע מעלה־גרהר (הירשן) — Олени, Geweihtragende Wiedekäuer
אינד (ווילדע ציג) — Козуля, Reh
איידעלער הירש — Благородный олень
דאמהירש — Лань
צפונדיקער הירש — Сѣверный олень, Renntier

קעמל — Верблюдъ
אומגראָדפינגערדיקע — Непарнокопытныя, Umpaarzeher
מוילאייזל — Мулъ
נאָזהאָרן — Носорогъ
וואַלפיש — Киты
פלוספעדער — Плавникъ
פלעטליך — Пластинки
וואַלפיש (בלויער וואַלפיש) — Голубой китъ
דעלפין — (ים־חזיר) — Дельфинъ
פישביין — Китовый усъ
קנאַפּציינע — Неполнозубыя, Zahnarme
פוילאַק (איי) — Лѣнивецъ, Faultier
בייטל־חיות — Сумочныя
שנאַבל־חיות (שנאַבלנעזער) — Утконосы

אינהאַלט:

	זייט
1־טער טיפ: חוט־השדרהדיקע	6
1־טער קלאַס: זויגערס	6
1־טער סדר. מענשן־מאַלפּעס	6
2־ " " האַלבע מאַלפּעס	9
3־ " " רויבערישע בעלי־חיים אָדער גאַרצוקערס	9
4־ " " רודערפיסיקע אָדער פלוספיסיקע	20
5־ " " האַנטפלינלדיקע אָדער פלעדערמייז.	22
6־ " " אומטעקטנפרעסער	25
7־ " " נאַגערס.	28
8־ " " שנוק־חיות.	34
9־ " " צעשפּאַלטנקלויענדיקע אָדער פּאָרפינגערדיקע	37
10־ " " אומגראָדפינגערדיקע	49
11־ " " וואַלפישן	52
12־ " " קנאַפּציינעקע.	55
13־ " " בייטל־חיות.	56
14־ " " שנאַבלנעזער.	57

1־טער טיפ. חוט־השדרהדיקע בעלי־חיים.

דאָס זיינען בעלי־חיים מיט אַ אינחייניקסטן ביינערדיקן אָדער ווייכביינדלדיקן סקעלעט. איף דער רוקנוייט פון דעם חוט־השדרה ליגן דער מוח (געהירן) און דער רוקנמאַרך; אויף דער בויכזייט — די אָרגאַנען פון עסעטן, פון בלוט־צירקוליאַציע און פון פאַרדייאונג. דאָס רוב מיט 4 ענדגלידער, און נאָר זעלטן מיט צוויי אָדער אינגאַנצן אָן.



לענג־שניט דורך דעם קערפּער פון אַ חוט־השדרהדיקער חיה.

W. — חוט־השדרה. Rm — רוקנמאַרך. g — מוח (געהירן). Sn — נערוו פון דער ראיה. Rn — נערוו פון חוש־הריח, וועלכער איז אויסגעשפּרייט אין דעם חלל פון נאָז. Z — צונג. Sp — שפּייזרער (וושט). Ma — מאָגן. D — געדערים. L — לעבער. Bdr — דריזל, וואָס אונטערן מאָגן. Mi — מילץ. Lr — לופטרער. Lu — לונגען. H — האַרץ מיט עטלעכע בלוט־געפעסן. Zw — די אַ־פראַגמע. N — ניר. Hl — אורינרער. Hb — פענבער.

1־טער קלאַס. זויגערס

דאָס זיינען בעלי־חיים מיט אַ גלייכער טעמפּעראַטור פון בלוט (וואַרימבלוטיקע). דאָס רוב באַדעקט מיט האָר, עטעמען שטענדיק דורך די לונגען (אחוץ די שנאַבל־חיות), נעבוירן לעבעדיקע קינדער און זויגן זיי אַ געוויסע צייט מיט מילך. די ענדגלידער זיינען בדרך־כלל — פיס.

1־טער סדר. מאַלפּעס (אפן).

די פאָדערשטע ענדגלידער ביי די מאַלפּעס זיינען הענט, די הינטערשטע זיינען באַפ־פיס; די פינגער פון די הענט און די פיס זיינען מיט פלאַכע נעגל. אזוי ווי ביי מענטשן, די אויגן זיינען געקערט פאָראויס. דאָס פּנים איז מער־ווייניקער גלאַט, אָן האָר.



דער אָראַנג-אוטאַן.

(ביז 1,4 מעטער די הויך).

זיין נאָמען און זיין היים. אָראַנג=אוטאַן איז אַ מאַלאַאיש וואָרט, וואָס באַטייט וואַלד=מענטש. אַזוי האָבן אים די מאַלאַיער אַ נאָמען געגעבן דערפאַר, וואָס ער איז ענלעך אויף אַ מענטשן און לעבט אין וואַלד. זיין היים איז — די אור=אַלטע געדיכטע וועלדער פון די אינזלען סומאַטרע און באָרנעאָ. דאָרטן האַלט ער זיך שטענדיק אויף אין די געדיכטע קרוינען פון די ביימער.

זיין צוגעפאַסטקייט צום לעבן אויף די ביימער. דער אָראַנג=אוטאַן איז באַדעקט מיט לאַנגע צעפאַטלטע האָר. נאָר דאָס מיאוסע פנים מיט די ברייטע אָנגעדראָלעגע באַקן, די אויערן, וואָס זיינען זייער ענלעך אויף אַ מענטשנס, דער האַלז, די דלאָניעס פון די הענט און פון די פיס זיינען כמעט אינגאַנצן אָן האָר און זעען אויס בלוי=שוואַרץ.

דער קאָליר פון די האָר איז אַ רויטלעך=ברוינער, שטימט אַלזאָ מער אָדער ווייניקער מיט דעם קאָליר פון דער קאָרע פון די ביימער. דאָס איז אַ גוטע סגולה אויסצובאַהאַלטן זיך פון שונאים. דערהויפט איז דאָס וויכטיק פאַר די שוואַכע קינדער פון דעם אָראַנג=אוטאַן, וועלכע קענען זיך נאָך ניט ווערן.

אין דעם געבּוירנלאַנד פון דעם אָראַנג=אוטאַן גייט טאָג=איין טאָג=אויס אַ רעגן. דער אָראַנג=אוטאַן האַלט זיין קערפּער שטייענדיקערהייט, דעריבּער נעצט אים דער רעגן דערהויפּט די אַקסלען, דעם רוקן און די אייבּערשטע טיילן פון די הענט. דערפאַר טאַקע זיינען די דאָזיקע אבריס ביי דעם אָראַנג=אוטאַן באַדעקט נאָך מיט געדיכטערע און לענגערע האָר, ווי דער גאַנצער קערפּער.

דער אָראַנג=אוטאַן איז אַ גרויסער מזיק צו קלעטערן אויף ביימער. די פאָדערשטע ענדגלידער זיינען — די הענט — זיינען כמעט אַזעלכע, ווי ביי אַ מענטשן אחוץ דעם גרויסן פינגער זיינען אַלע פינגער אויף די הענט זייער לאַנגע, אַ סך לענגער ווי ביי אַ מענטשן. דערפאַר קאָן דער אָראַנג=אוטאַן פעסט אַרומכאַפּן מיט די הענט אַפילו גאָר דיקע צווייגן.

די פיס ביים אָראַנג=אוטאַן זיינען אויך צוגעפּאַסט צום קלעטערן. זיי זעען אויס ווי הענט, ווייל דער גרויסער פינגער זייערער קאָן געשטעלט ווערן קעגן אַלע איבּעריקע פינגער. די זוילן פון זיינע פיס זיינען אויסגעדרייט אינווייניק אַריין און צוליב דעם איז דעם אָראַנג=אוטאַן זייער באַקוועם אַרומצונעמען מיט די פיס די שטאַמען און צווייגן פון די ביימער.



א האַנט פון אָראַנג-אוטאַן.



א פוס פון אָראַנג-אוטאַן.

פיס האָט דער אָראַנג=אוטאַן זייער קורצע, דערפאַר אָבער זיינען די הענט זיינע משונה=לאַנג. דער אָראַנג=אוטאַן קאָן דעריבּער זייער ווייט דערלאַנגען מיט זיינע הענט. דאָס קומט אים שטאַרק צוניץ ביים קלעטערן איבּער די ביימער, ביים אַריבּערכאַפּן זיך פון איין בוים אויפן אַנדערן און ביים אָפּפליקן פּירות. אויסערדעם קאָן ער מיט די הענט טאָן נאָך אַ סך אַנדערע אַרבּעטן.

דאָס רוב זויגערס מיט הויכע פיס האָבּן אַ לאַנגען האַלז; אַקעגן־זשע דער אָראַנג=אוטאַן, אַזוי ווי דער מענטש, האָט אַ קורצן האַלז. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער אָראַנג=אוטאַן דערלאַנגט דאָס עסן פון דער ערד ניט מיטן מויל, ווי אַנדערע חיות, נאָר ער טראָגט עס אונטער צום מויל מיט די הענט.

אויף דער ערד נידערט דער אָראַנג=אוטאַן אַראָפּ זייער זעלטן. די ביימער פון די אוראַלטע וועלדער גיבּן אים גענוג שפּייז, און וואַסער געפינט ער אין די ווינקלען פון די בלעטער, וואו דאָס וואַסער זאַמלט זיך אָן נאָך די אָפּטע טראָפּישע גוסרעגנס. די ערד איז פאַר דעם אָראַנג=אוטאַן, אַלזאָ, אַ פרעמדע סביבה, און דעריבּער באַוועגט ער זיך אויף דער ערד זייער שווער, עפּעס אומגעלומפּערט. אמת, ער קאָן זיך האַלטן שטייענדיקערהייט אויף זיינע שוואַכע פיס, אָבּער זיין גאַנג איז זייער אַ אומבאַהאָלפענער ער קאָן ניט טרעטן פעסט אויף זייגע זוילן, ווייל זיינע פיס האָבּן די פאָרם פון הענט און די זוילן זייערע זיינען אויסגעדרייט. דער געוויינלעכסטער און נאַטירלעכסטער גאַנג איז פאַר אים דעריבּער — פּויזען „אויף אַלע פיר“.

די שפּייז פון דעם אָראַנג=אוטאַן באַשטייט פון יונגע בלעטער, זאַפטיקע שפּראָצונגען און אַלערליי פּירות. אין געפאַנגענשאַפט ביי מענטשן עסט ער אַלצדינג, וואָס

דער מענטש עסט, וואָרים ציין האָט דער אָראַנג־אוטאַן אַזעלכע און אַזויפיל, ווי דער מענטש. בלויז די רייסציין ביי דעם אָראַנג־אוטאַן האָבן די פאָרם פון גרויסע און שאַרפע קינ־זשאַלן, אַזוי ווי ביי רויב־רישע חיות; די איבעריקע ציין זיינע זיינען ווי ביי אַ מענטשן. די קינבאַקן ביי דעם אָראַנג־אוטאַן שטאַרצן ווייט אַרויס אין דער געשטאַלט פון אַ שנוק און זיינען מוראדיק שטאַרק. דעריבער זיינען זיי פאַר דעם אָראַנג־אוטאַן אַ גוט מיטל זיך צו שיצן קעגן זיינע פיינד.



די לינקע העלפט פון דער אייבערשטער קינבאַק.



ציין פון אָראַנג־אוטאַן.

שונאים האָט דער אָראַנג־אוטאַן ניט קיין סך. נאָר דער קראָקאָדיל אָדער דער ריזעדיקער טיגערשלאַנג דערוועגן זיך אָנצופאַלן אויף אים, אָבער אַפילו זיי איז ער דאָס רוב גובר. זיין גוואַלדיקער קול וואַרפט אָן אַ מורא אויף די חיות פון וואַלד. דער כּוח פון דעם אָראַנג־אוטאַנס קול ווערט נאָך, משמעות, פאַרשטאַרקט דורכדעם, וואָס אויפן גאָרגל האָט ער זייער אַ גרויסן בייטל, וואָס פילט זיך אָן ביים שרייע מיט לופט. (פאַרגלייכט דעם דאָזיקן בייטל מיט די שטימבייטלען פון אַ פראָש). אויף אַ מענטשן פאַלט דער אָראַנג־אוטאַן אָן נאָר, דאַן ווען דער מענטש האָט אים פאַרוואונדעט, און אויב דער יעגער וועט אים ניט אוועקלייגן מיט אַ זיכערן שאָס, מעג ער זיך געזעגענען מיטן לעבן. בשעת אַ סכּנה ברעכט דער אָראַנג־אוטאַן די צווייגן פון די ביימער און וואַרפט זיי אויפן פיינד.

זיין פאַמיליענלעבן. די נקבה פון דעם אָראַנג־אוטאַן געווינט אַלע יאָר מער ניט ווי איין קינד. זי זעט דאָס צו מיט דער גרעסטער ליבשאַפט און פאַרטיידיקט דאָס מיט אַמתער מסירת־נפש. אַזאַ ליבשאַפט צו קינדער ווייזן אַרויס אַלע אַפּן.

אַלע אָוונט מאַכט זיך דער אָראַנג־אוטאַן אַ נעסט פון צווייגן און פאַרברענגט דאָרט די נאַכט.

אַנדערע מאַלפּעס.

אויף דעם אָראַנג־אוטאַן זיינען זייער ענלעך, סיי לויט דעם געביי פון זייער קערפּער סיי לויט זייער שטייגער לעבן — **די גאָרילע און דער שימפּאַנז.** ביידע לעבן זיי אין די אורואַלטע וועלדער פון מערב־אַפריקע. דער שימפּאַנז איז אַ ביסל קלענער פאַר אַ מענטשן, אַקעגן־זשע, די גאָרילע איז גרעסער און אַ סך שטאַרקער.

די פּאַוויאַנען וואוינען אין בערגיקע און פעלזיקע מקומות. זיי זיינען ניט אַזוי בייגעוודיק און פלינק ווי די וואַלד־מאַלפּעס, אָבער זייערע קורצע און שטאַרקע ענדגלידער זיינען זייער צוגעפּאַסט צום קלעטערן איבער שטיינער און בערג. זיי זיינען זייער מיאוסע און בייזע בעשעפענישן און ווערן זיך שליידערן זיי זיך מיט שטיינער.

די גרעסטע מיאוסקייט, וואָס מ׳קען זיך נאָר פאָרשטעלן, איז דער **מאַנדריל**,

ער האט א געלע בארד, בלויע אנגעדראלענע באקן, א רויטע נאז און רויטע גוזן אויפן געזעס. זיין געבוירנלאנד איז גווינעע, אין אפריקע.

די מאלפעס מיט די לאנגע ווידלען, וואס מ'ווייזט זיי אפט אין די באלאגאנען, געהערן צו די אזויגערופענע ים־קעץ. מ'ברענגט זיי פון דער הייסער אפריקע. אין די באלאגאנען קאן מען אויך זעען די טערקישע מאלפע אדער מאגא, אן א ווידל; מ'ברענגט זי פון צפון־אפריקע. געציילטע עקזעמפלארן פון דעם דאזיקן מין מאלפעס האלטן זיך אויף צווישן די פעלזן פון גיבראלטאר. דאס זיינען די איינציקע אפן אין אייראפע.

שרייערס.

זיי וואוינען אין די אורואלטע טראפישע וועלדער פון דרום־אמעריקע. זיי האבן א רירעוודיקן לאנגן ווידל, די לענג אזוי ווי דער גאנצער קערפער, וואס איז זייער צוגעפאסט צום כאפן — א מין פינפטע האנט.

שרייערס הייסן זיי דערפאר, ווייל אינדערפרי און פארנאכט קומען זיי זיך צונויף אויף דיביימער גאנצע מחנות און גיבן אפ אזעלכע שרעקלעכע קאנצערטן, אז ס'דאכט זיך — אלע חיות פון וואלד זיינען ארויס אויף מלחמה קעגן אנאנד. זייער שווארצע און רויטע פעל איז א גוט פעלצווארג.

אויסגעשטארבענע מאלפעס.

די אפן האבן זיך געווין אויף דער ערד שפעטער פאר אלע אנדערע זויגערס. ווי עס באווייזן די אויסגראבונגען, האבן פארצייטנס אפן געוואוינט אויך אין אייראפע, אין דרום־דייטשלאנד און שווייץ. מ'האט אויך אויסגעגראבן רעשטן פון א מאלפע, וואס איז, ווייזט אויס, געווען א סך העכער אנטוויקלט, ווי די היינטיקע אפן, איז געגאנגען גלייך און איז געווען ענלעכער אויף א מענטשן, ווי די איצטיקע.

2־טער סדר. האלבע מאלפעס.

די פאדערשטע ענדגלידער (די הענט) און די הינטערשטע (די פיס) זיינען צוגעפאסט צום כאפן; די פינגער מיט פלאכע נעגל, אזוי ווי ביי א מענטשן, נאר דער צווייטער פינגער מיט א קרעל; דאס פנים באוואקסן מיט האר.

זיי זיינען זייער פארשיידן לויט דעם געביי פון קערפער און דעם שטייגער לעבן. די גרייס פון זייערע ווייגט זיך צווישן דער גרייס פון א קאץ און פון א ראץ. זיי לעבן אין די טראפישע אורוועלדער פון דער אלטער וועלט, דערהויפט אין מאדאגאסקאר. די אויסטערלישסטע פון די דאזיקע חיות איז זיכער מאקי דער ביטגוטער פון די זונדער אינזלען. די דאזיקע באשעפעניש זעט טאקע באמת אויס ווי א ביטגוטער — מיט משונה־גרויסע אויגן, אזוי ווי ביי א סאווע, מיט הענט און פיס דארע ווי שפענדלעך און מיט קישעלעך אונטער די פינגער, אזוי ווי ביי א פראש.

3־טער סדר. רויבערישע בעלי־חיים אדער פארצוקערס.

דאס זיינען בעלי־חיים, וואס עסן פלייש, מיט שטארקע רייסציין און שארף שניידנדיקע באקציין, די ענדגלידער מיט 4 אדער 5 פינגער, באוואפנט מיט קרעלן.

1-טע משפחה. קעץ.

די שטוביקע קאַץ.

אונזער שטוביקע קאַץ שטאַמט פון די לעגנערער, וואָס ליגן בײַם ים-התיכון. פון מצרים האָט זי זיך פאַרשפּרייט כמעט איבער דער גאַנצער ערדקויל. די שוץ-פאַרב פון אירע אוראורעלטערן, וואָס האָט געשטימט מיט דעם קאָליר פון דעם זאַמד אין דער מדבר, האָט די קאַץ שוין לאַנג פאַרלאָרן, וואָרים זי געפינט זיך דאָך אונטערן שוץ פון דעם מענטשן. בײַ היינטיקן טאָג זייגען דאָ שוואַרצע קעץ און ווייסע און געלע און ראַבע. א. אַז. וו.

די קאַץ איז זיכער דער בעסטער און קונציקסטער „קאַמער-יעגער". בײַנאַכט לויערט זי אויף מייז און ראַצן און ס'איז נשתומם צו ווערן, וואָס פאַר אַ גוזמא מיאוסקייטן זי פאַרטיליקט, אָפטמאָל אַפילו אַ סך מער, וויפיל זי קאָן אויפפרעסן. אין אַ נויטפאַל בראַקירט זי אויך ניט מיט היישעריקן, זשוקעס, פרעש און שלאַנגען.

לאָמיר זיך באַקענען מיט איר, בשעת זי איז אויף געיעג, וועלן מיר אײַנזען, ווי אַזוי דער גאַנצער בוי פון איר קערפּער איז צוגעפּאַסט צו אַזאַ מין רויבערישן לעבן

ווי אַזוי די קאַץ לויגט אויף איר רויב. צופרידן אונ שטיל ליגט זיך די קאַץ און דרעמלט אויפן וואַרימען אויוון. פּלוצלונג הייבט זי זיך אויף, גנבעט זיך אונטער אין אַ ווינקל צימער אָדער צום אַלמער — און אָט האַלט זי שוין אַ צאַפּלדיק מייזל אין אירע קרעלן.



די די קאַץ לויערט אויף איר רויב.

דאָס איז אַ סימן, אַז די קאַץ האָט זייער אַ שאַרף געהער. דערויף ווייזן אויך אירע באַוועגלעכע אויערן. אויגן האָט אַ קאַץ גרויסע, מיט אַ שאַרפער ראיה. בײַ אַ העלן שײַן ציט זיך דער שוואַרצאַפּל צונויף, ביז עס ווערט אַ קליינ וועריקאַל שפּעלטעלע, כדי דאָס אויג זאָל ניט פאַרבלענדט ווערן. אין דער פינסטער ווערט דער שוואַרצאַפּל ברייטער, כדי אַרײַנצולאָזן אין אויג אַרײַן וואָס מער ליכט. וואָס פינסטערער עס ווערט, אַלץ ווייניקער ליכטשטראַלן קומען אַרײַן אין אויג, און דעריבער ציט זיך דער שוואַרצאַפּל אַלץ ברייטער פונאַנדער. אין גאָר פינסטערע נעכט אָדער אין גאָר פינסטערע ערטער העלפט זיך די קאַץ אַרויס מיט איר שאַרפן חוש-המישוש. דער טאַפּ-חוש בײַ דער קאַץ איז באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקלט בײַ די האָרוואָרצלען פון אירע לאַנגע וואָנסן אויף דער אייבערשטער ליפּ (דערוויז דאָס!). אויך אין די לאַנגע האָר איבער די אויגן און בכלל אויפן גאַנצן קערפּער ווייזט די קאַץ אַרויס אַ גרויסע שפּירעוודיקייט.

ווי אַזוי די קאַץ כאַפּט איר רויב. האָט די קאַץ באַמערקט איר רויב, גנבעט זי זיך צו צו איר שטילינקערהייט, כדי צו דערטאַפּן זי מיט איין מעכטיקן שפּרונג. אונטער די פינגער האָט זי אַזעלכע ווייכע קישעלעך. דעריבער קאָן זיך די קאַץ אונטערגנבענען צו איר קרבן גאַנץ אומבאַמערקטערהייט. אונטערגעגנבעט זיך צו איר רויב גאַנץ נאָענט, לייגט זיך די קאַץ אַנידער, גיט אַ גרויסן שפּרונג און כאַפּט דאָס חיהלע. די פיס אירע גלײַכן זיך דערבײַ מיט אַמאָל אויס און גיבן דעם גוף אַ וואָרף-אונטער פאָראויס. אַזוי ווי בײַ אַלע שפּרינגעדיקע בעלי-חיים, זייגען די הינטערשטע

ביס ביי דער קאַץ לאַנגע און שטאַרקע. ווען מ׳זאָל נעמען אַ בייגעוודיק שטעקל און עס צונויפבייגן אַזוי, אַז מ׳זאָל ביידע עקן קאָנען צונויפהאַלטן מיט איין האַנט, און מ׳זאָל עס מיט אַמאָל אָפּלאָזן, וועט דאָס שטעקל דערלאַנגען אַ פליפּראָויס. די זעלביקע זאַך איז מיט דער קאַץ, ווען זי בייגט צונויף און גלייכט נאָכדעם אויס איר זעלטן בייגעוודיקן און עלאַסטישן חוט־השדרה.

דער לאַנגער און געזונטער ווידל דינט דער קאַץ ביים שפּרינגען פאַר אַ שטייער.

אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם קרבן, האַקט די קאַץ אין זיין קערפּער אַריין אירע פאַרבויגענע, ווי נאָדלען שאַרפע קרעלן. ווען די קאַץ פאַלט ניט אָן אויף איר רויב, זיינען אירע קרעלן אונטערגעהויבן אַרויפצו און ליגן באַהאַלטן אין די פעלבעלעך פון דער הויט, אַזוי ווי קינזשאַלן אין דער שייד, דעריבער זיינען זיי פאַרהיט פון טעמפּ צו ווערן. די שאַרפע קרעלן העלפן אויך דער קאַץ ביים קלעטערן אויף ביימער, ווענט א. אַז. וו., ווען זי יאָגט זיך נאָך פייגל. אגב דינען זיי איר אויך פאַר אַ געפערלעך געווער קעגן אירע שונאים.



סקעלעט פון דער קאַץ אַ פינגער.

ווי אַזוי די קאַץ טויט, צערייסט און פרעסט אויף איר רויב. האַלטנדיק דאָס געכאַפּטע באַשעפעניש מיט די קרעלן, לאָזט די קאַץ אין אים טיף אַריין, אַזוי ווי מעסערס, אירע זייער לאַנגע און שאַרפע רייסציין, און דער קרבן ווערט אין איין הרף־עין געטויט. צום צערייסן די רויב אויף שטיקער דינען דער קאַץ אירע באַקציין. הינטער די רייסציין זיצן פון יעדער זייט אויבן און אונטן צוויי קלענערע ציין מיט עטלעכע שאַרפע שפּיצן. דאָס זיינען די פאַלשע באַקציין. אַז די קאַץ פאַרמאַכט דאָס מויל, גייען די שפּיצן פון איין ראַנד אַריין צווישן די שפּיצן פון דעם אַנדער ראַנד. אַזוי אַרום ווערן ביידע ראַנדן פון די פאַלשע באַקציין פעסט געשלאָסן און צערייסן דאָס פלייש פון דער רויב. הינטער די פאַלשע באַקציין דערהייבט זיך פון יעדער זייט זייער אַ שטאַרקער צאָן; ער הייסט דער פליישצאָן און פאַרענדיקט זיך מיט צוויי שאַרפע ציינדעלעך. ווען די קאַץ דריקט צונויף די קינבאַקן, גליטשט זיך דער אייבערשטער פליישצאָן איבער דעם אונטערשטן, און עס באַקומט זיך אַ מין צוויי פאַר שערעלעך מיט געציינדלטע קלינגלעך, אַזוי ווי ביי אַ זעג. אַזוי ווי די שפּיצן פון די אייבערשטע פאַלשע באַקציין גייען אַריין צווישן די שפּיצן פון די אונטערשטע און די פליישציין גליטשן זיך איינער איבערן אַנדערן, רייבן זיך דעריבער די קריינדלעך פון די ציין ניט אָפּ און די ציין בלייבן אַלעמאָל שאַרף און שניידן זייער גוט (פאַרגלייך מיט די ציין פון די גראָזפרעסער).

אָבער כדי אַ שער זאָל גוט שניידן, איז נייטיק, אַז די קלינגען פון דער שער זאָלן זיין פעסט פאַרבונדן צווישן זיך. דעריבער איז די אונטערשטע קינבאַק ביי דער קאַץ זייער פעסט בייהעפט (פאַרגלייך מיטן שאַרבן דאָס דאָזיקע געלענק מיט דעם געלענק פון דער אונטערשטער קינבאַק ביי מעלה־גרהדיקע בעלי־חיים און ביי נאַגערס).

הינטער די אייבערשטע רייסציין געפינט זיך פון יעדער זייט אַ קליינער צאָן מיט טעמפּע פּוקעלעך. דאָס איז דער אַזויגערופענער אמתער באַקצאָן, וועלכער דינט אים צעמאָלן די שפּייז. אָבער די קאַץ האָט נאָך אַ כּלי צום צערייבן די שפּייז. דאָס איז איר שאַרפער צונג. ווען אַ לייב, וואָס איז לויט דעם געביי פון זיין קערפּער איינגאַנצן ענלעך אויף אַ קאַץ, זאָל אָנהייבן לעקן אַ מענטשן, קאָן ער אים מיטן צונג צעדראַפּן די הויט ביז בלוט.



דער שאַרבן און די פאָדערשטע ציין פון דער קאַץ.

די קליינע פאָדערשטע ציין אָדער די שניידציין דינען דער קאַץ ניט צום אָפּבייסן גרעסערע שטיקער פלייש, נאָר צום אָפּגריזיען ביינער.

אַזוי ווי די קאַץ האָט ווייניק באַקציין און דערצו נאָך זיינען זיי, אחוץ דעם פליישצאָן, גאַנץ קליינע, דעריבער זיינען אירע קינבאַקן קורצע. אָט פאַרוואָס אַ קאַץ האָט אַ קורצן פאַרקיילעכדיקטן קאָפּ (פאַרגלייך מיט דעם לאַנג אויסגעצויגענעם קאָפּ פון אַ קו).

דער פּיסק ביי אַ קאַץ עפנט זיך זייער ברייט. דעריבער קאָן די קאַץ זייער טיף אַריינשטעכן אירע רייסציין אין איר רויב און לייכט זי צערייסן. זי קאָן אויך מיט איר ברייט צעעפנטן מויל אַריינכאַפּן די רויב און אַריבערטראָגן זי אין אַ שטילן אָרט, וואו קיינער זאָל איר ניט שטערן עס אויפצועסן.

אַזוי ווי די קאַץ צערייבט די שפּייז ניט אַזוי דין ווי אַ מעלה־גרהדיקע (דאָס איז, אַגב, אויך גאָרניט נייטיק), — איז איר שפּייז־רער אַ ברייטע. און אַזוי ווי דאָס פלייש, וואָס דערמיט שפּייזט זיך אַ קאַץ, איז זייער נערעוודיק, זיינען די געדערים ביי דער קאַץ זייער קורצע, בלויז אין אַ מאָל פיר לענגער פאַר איר גוף (פאַרגלייך מיט דער לענג פון די געדערים ביי אַ קו).

אויך די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון דער קאַץ פּאַסן צו איר רויבערישער מלאכה.

די קאַץ וואָלט ניט אַזוי גוט געקאָנט כאַפּן איר קרבן, ווען זי וואָלט ניט געווען קליגער פאַר אים. געדולדיק ליגט די קאַץ שעהנווייז אָפּ פאַרן מייזנלאָך, בלייבט רואיק און אומבאַוועגלעך אין דער דאָזיקער לאַגע, וואַרט מיט גרויס רמאות, ביז דאָס מייזל וועט אַרויסלויפן פון זיין זיכערער באַהעלטעניש, און פּאַסט ריכטיג אויף די מינוט, ווען צו געבן דעם נייטיקן שפּרונג, כּדי צו כאַפּן איר קליינינטשקן קרבן. דערביי ווייזט זיך אַרויס די גרויזאַמקייט און בלוטדאָרשטיקייט פון דער קאַץ.

אַנדערע קעץ.

אַחוץ קליינע שינויים, זיינען אַלע מינים קעץ ענלעך לויט דעם געביי פון זייער קערפּער אויף דער שטוביקער קאַץ און זיינען אַזוי ווי זי—אמתע פאַרצוקערס.

דער לייב לעבט אין גאַנץ אַפריקע און אין מערב־ און דרום־אַזיע. פאַרצייטנס איז ער געווען פאַרשפּרייט אויך אין ארץ־ישראל, אָבער דאָרטן איז ער שוין לאַנג פאַרשוואונדן. און זינט מ'האָט אויסגעטראַכט שיס־געווער, ווערט ער אַלץ זעלטענער אויך אין אַזיע בכלל, אָבער אין אַפריקע איז ער נאָך גענוג פאַרשפּרייט.

פאַר זיין גרייס (ביז די אַקסלען 1 מעטער הייך!), פאַר זיין מעכטיקן שיינעם

קאָפּ, מאַיעסטעטישער האַלטונג,ברייטער ברוסט, שלאַנקן קערפּער, ווי אויך פאַר זיין וועלטענעם כּוח רופט מען אים פון קדמונים אָן „דער קיניג פון די חיות". דער העל-געלער קאָליר פון זיינע האָר שטימט מיט דער פאַרב פון דער מדבר און סטעפּ, וואָס אויף זייערע רענדער האַלט ער זיך אויף. דעריבער קאָן ער אומבאַמערקטערהייט זיך אונטערגנבענען צו זיין רויב. די ברוסט און די אַקסלען פון דעם לייב זיינען, אַזוי ווי מיט אַ קיניגלעכן מאַנטל, באַדעקט מיט אַ געדיכטער גריווע. דער עק פון דעם ווידל איז באַצירט מיט אַ פראָנז האָר. אַזוי ווי אַלע קעץ, פאַרברענגט דער לייב אַ גאַנצן טאָג אין פולער רו. ערשט ווען די זון איז שוין פאַרגאַנגען, כאַפּט ער זיך אויף צו זיין בלוטיקער מלאכה. אַמאָל ווייזט ער זיך אין די דערפער און נעמט צינז פון די טשערעדעס. מיט איין שפרונג כאַפּט ער זיך אַריבער איבער הויכע פאַרקאַנעס, מיט זיין קלאַפּ לייגט ער אַוועק אויפן אָרט אַפילו אַן אָקס. אין געגנטן, וואו ס'איז ניטאָ קיין שאָף און רינדער, לויערט ער ביי אַ מורמלענדיקן קוואַל אויף אַנטילאָפּעס, גאַזעלעס, זשיראַפן און זעברעס. דעם מענטשן מיידט דער לייב אויס; ער האָט אָפּשיי פאַר דעם מענטשנס הויכער געשטאַלט און זיכערן בליק. האָט ער אָבער איינמאָל אויסגעפּרובט דעם מענטשנס שוואַכקייט און פאַרזוכט זיין פלייש — קריגט ער אַזאַ חשק צו מענטשנפלייש, ווי צו קיין שום אַנדער פלייש.

דער קיניגלעכער טיגער לעבט אין דרום- און מזרח-אַזיע, דערהויפּט אין די זומפּיקע מקומות פון דעם הייסן גאַרטל. דער קאָליר פון זיינע האָר שטימט מיט דעם קאָליר פון דער אַרומיקער סביבה. זיין גרונטפאַרב איז רויט אָדער געל, ווי פאַרוועלקטע שטענגלעך און בלעטער; די שוואַרצע קווער-פּאַסן שטימען מיט די שטרייפן פון די שאָטנס, וואָס פאַלן פון די ראָרשטענגלעך. גרויס און שטאַרק איז ער ניט ווייניקער ווי דער לייב, ער איז אָבער נאָך ווילדער פון אים. אין אינדיע האָט דער טיגער פאַרוויסט גאַנצע געגנטן.

דער **לעמפּערט** האָט אַ העל-געלע פעל מיט שוואַרצע פלעקן, וועלכע שטימען מיט די שאָטנס פון די בלעטער. ער לעבט אין אַפריקע און אַזיע. אין אַזיע הייסט ער **פּאַנטער**.

דער **יאַגואַר** און דער **קוגואַר** אָדער די **פּומע** זיינען די גרעסטע קעץ פון אַמעריקע. דער יאַגואַר איז געפאַרבט אַזוי ווי דער לעמפּערט; די פּומע איז גרוי-ברוין אַזוי ווי די קאָרע פון די ביימער; דאָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר איר, ווייל זי ליגט אויף איר רויב פון צווישן די צווייגן פון די ביימער.

דער לוקס טרעפט זיך נאָך אין די אַלפּן, קאַרפּאַטן, סקאַנדינאַוויע, צפון-רוסלאַנד און סיביר. די אויערן זיינע ענדיקן זיך מיט ביגטעלעך האָר, אַזוי ווי מיט פּענזעלעך.

די ווילדע קאַץ וואוינט אין בערגיקע און וואַלדיקע ערטער, אין אייראָפּע גאַנץ זעלטן. זי איז גרעסער פאַר דער שטוביקער קאַץ. זי פירט אַ נאַכט-לעבן אין דער וואַלד-געדיכטעניש, דעריבער איז איר פעל גרוי מיט שוואַרצע פּאַסן.

2-טע משפּחה. היענעס.

די געשטרייפטע היענע. די לענג 1 מ., די הייך און די פלייצעס 0,75 מ. די געלבלעך-גרויע פעל מיט שוואַרצע קווער-פּאַסן איז אַ סימן, אַז זי איז אַ נאַכט-חיה. איר נאַקן און איר רוקן איז באַוואַקסן מיט אַ האַרטהאָריקער גריווע. די פאָדערשטע פיס אירע זיינען אַ סך לענגער פאַר די הינטערשטע. דעריבער קאָן די היענע ניט

לויפן אַזוי גיך און לאַנג, ווי למשל אַ הונט, און קאָן אויך אונטערגנבענען זיך און שפּרינגען, אַזוי ווי אַ קאַץ. די היענע פאַלט דעריבער אָן נאָר אויף קראַנקע בעלי־חיים אָדער אויף אַזעלכע, וואָס קענען זיך ניט ווערן, למשל, אויף ציגן, שאָף וכדומה. דאָס רוב מוזן די היענעס זיך באַנוגענען מיט נבלות, וואָס זיי דערשנאַפּן פון זייער ווייט מיט דער הילף פון זייער שאַרפן חוש־הריח. די היענעס גייען זוכן רויב טשאַטעסווייז, האַלטן זיך צוזאַמען דורך אַ שרעקלעכן וואָיען. די געשטרייפטע היענעס לעבן אין אפריקע און מערב־אַזיע, וואו נבלות איז פאַראַן לרוב.

די געפלעקטע היענע האָט אַ ווייסלעך־גרויע פעל מיט ברוינע שפּרענקעלעך. פאַר איר רויבערישקייט און משונה־ווילדן וואָיען איז זי אויך פאַרהאַסט ביי עם מענטשן. זי לעבט אין דרום־ און מזרח־אַפריקע.

3־טע משפחה. הינט.

שטוביקע הינט.

די אָפּשטאַמונג און די ראַסן פון הינט. אונזער שטוביקער הונט שטאַמט פון פאַרשיידענע וועלף און שאַקאַלן, וועלכע מ׳טרעפט נאָך עד־היום אין אייניקע לענדער. נאָך מיט אַ סך טויזנטער יאָרן צוריק האָט דער מענטש דערקענט די גוטע אייגנשאַפטן פון די דאָזיקע חיות. ער האָט אָנגעהויבן צוגעוויינען אייניקע מינים וועלף און האָט פון זייער געבירט שטענדיק אָפּגעקליבן די בעסטע און פאַסיקסטע. אַזוי איז אין משך פון טויזנטער יאָרן דורך צוגעוויינען און אָפּקלייבן—פון אַ וואָלף אָדער אַ שאַקאַל געוואָרן אַ הונט. דער מענטש האָט, למשל, געוואָלט זיך איינשאַפן אַ גוטן העלפער צום געיעג, האָט ער מיטגענומען אויף געיעג דעם הונט, וואָס האָט געהאַט דעם שאַרפסטן חוש־הריח. פון זיין געבירט האָט דער מענטש ווידער אָפּגעקליבן די, וועלכע האָבן געהאַט דעם פיינסטן חוש־הריח. אַזוי איז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אַרויסגעקומען די ראַסע יאָגהינט. דורך אַזאַ שטענדיקן אָפּקלייבן זיינען אויפגעקומען ניט נאָר אַלע אונזערע ראַסן הינט, נאָר אויך אַלע אַנדערע מינים פון אונזערע שטוביקע בעלי־חיים. און עד־היום, אַז דער מענטש וויל פאַרבעסערן אַ וועלכע עס איז ראַסע פון די שטוביקע בעלי־חיים, טוט ער פונקט אַזוי.

דער קאָליר פון דער פעל איז זייער פאַרשיידן ביי פאַרשיידענע מינים שטוביקע הינט (רופט אָן און באַשרייבט די מינים, וואָס איר קענט!). דאָס רוב ווילדע חיות זיינען באַפאַרבט אין אַ שוץ־קאָליר, וועלכער איז ענלעך אויף דעם קאָליר פון דער אַרומיקער סביבה. די הינט האָבן ניט אַזאַ שוץ־קאָליר. און צו וואָס דאַרפן זיי עס, וויבאַלד זיי געפינען זיך אונטער דעם שוץ פון דעם מענטשן?

דער הונט דעם מענטשנס אַ פריינד און אַ העלפער. וואו נאָר דער מענטש באַוואוינט די ערד, קאָן מען אויך דעם הונט געפינען. דאָ איז ער אַ געטרייער שומר פון שטוב און הויף, דאָרט — אַ איבערגעגעבענער באַשיצער פון דער טשערעדע; דאָ — אַ אומ־אַרמאַטערלעכער העלפער ביים געיעג, דאָרט — אַ ליבער חבר פון זיין באַלעבאָס קינדער, אַ געטרייער פריינד און באַשיצער פון זיין האַר. געדולדיק לאָזט ער זיך איינשפּאַנען אין אַ וועגעלע אָדער שליטעלע, הגם אים איז שווער צו שלעפּן אַ משא, וואָרים מיט זיינע באַוועגלעכע פינגער קאָן ער זיך ניט מיט אַזאַ כוח אָנשפּאַרן אָן דער ערד, ווי דער פערד מיט זיינע קלויען. פאַר די

עסקימאָסן איז דער הונט פונקט אַזוי נייטיק, ווי דער צפונדיקער הירש איז נייטיק פאַר דעם לאַפּלענדער. די פאַרווילדערטע הינט פון די מזרח־לענדער זיינען אַ מין סאַניטאַרע פּאָליציי, וואָרים זיי עסן אויף די שריים, וואָס מ'וואַרפט אַרויס פון די הייזער, און פאַרהיטן עס אַזוי אַרום פון פוילן. טיפע ליבשאַפט, געטריישאַפט און צו־געבונדנקייט, געהאָרזאַמקייט, דינסטגרייטשאַפט און איבערגעגעבנקייט צום מענטשן — דאָס זיינען די מעלות פון אַ הונט. נאָר ווען דער הונט ווערט משוגע, קאָן ער ווערן געפערלעך אַפילו פאַר זיין באַלעבאָס. אַן אַנדער סכנה, וואָס דער הונט קען ברענגען אויף דעם מענטשן, איז דער באַנדוואָרים, וואָס טרעפט זיך אַמאָל ביי די הינט. אויב די אייעלעך פון די דאָזיקע הינטישע גייצן וועלן אַריינקומען אין דעם מענטשן, קאָן דער מענטש געפערלעך קראַנק ווערן און שטאַרבן. דעריבער דאַרף מען ניט לאָזן דעם הונט לעקן די הענט, און קושן זיך מיט אים טאָר מען אוודאי ניט.

פאַרוואָס קאָן דער הונט אַזויפיל טובות טאָן דעם מענטשן?
ביי דאָס רוב הינט איז דער חוש־הריח אַזוי שאַרף, אַז מיר מענטשן קאָנען עס גאָר ניט משיג זיין. אַ יאַגהונט געפינט דאָס ווילדפרעט נאָך דעם שפור, ווייל ער דער־שמעקט דעם מינדסטן ריח, וואָס איז געבליבן אויף דעם אָרט, וואו די רויב איז דורכגעלאָפן. אַ שפירהונט דערשנאַפּט, אַז אַ חיה דערנענטערט זיך, נאָך איידער דער מענטש האָט זי באַמערקט. די נאָזלעכער ביי אַ הונט זיינען זייער ברייט און דער חלל פון נאָז זייער אַ גרויסער, דערפאַר קאָן דער הונט אַריינעמען אַ סך לופט צום באַשמעקן. די נאָז איז אַלעמאָל ביי אים פייכט, וואָרים מיט טרוקענע נאָזלעכער קאָן מען ניט פאַרנעמען קיין ריח.

ביי וואַכהינט איז זייער אַ שאַרפע שמיעה. אויפן שלאָף זיינען זיי זייער גרינג און אַפילו ווען זיי שלאָפן, דערהערן זיי טריט פון אַ גנב. די אויערן זיינען ביי זיי שטענדיק אויסגעשטעלט, וואָס כאַפּן בעסער אויף די קלאַנגען, ווי אַראָפּהענגענדיקע אויערן.

די הינט, וואָס דער מענטש באַנוצט צום יאָגן ווילדפרעט, צום היטן שאָף וכדומה, לויפן זייער גוט.

דער גוף ביי אַזעלכע הינט איז פוןביידע זייטן צונויפגעדריקט, דערום קאָן ער לייכט דורכשניידן די לופט. ביים גיכן לויפן האַלטן זיי דעם קאָפּ אויסגעשטרעקט ווייט פאָראויס, אַזוי ווי אַ מין שאַרפן קליין, וואָס צעשניידט די לופט. אַ קעגן־זשע, די דאַקסהינט, וועלכע מ'באַנוצט ביים געיעג אויף פיקסן און דאַקסן, האָבן קורצע און קרומע פיס, און דערפאַר קאָנען זיי לייכט אַריינקריכן זיך אין די היילן פון חיות און אַרויסטרייבן זיי פון דאָרטן.

די הינט טרעטן ניט אויף די זוילן, נאָר בלויז אויף די פינגער. אַזעלכע **פינגער־גייער** לויפן אָבער אַ סך געשווינטער, ווי די חיות, וואָס גייען אויף די זוילן. די פינגער־גייער הייבן לייכט אָפּ די פיס פון דער ערד, בשעת די זוילן־גייער הייבן אָפּ די פיס פּאַמעלעך, אָנהייבנדיק פון די פּיאַטעס ביז צו די פינגער.

מיט די קורצע, טעמפּע קרעלן און די דיקע אָנגעקוואָלענע קישעלעך אונטער די פינגער קענען די הינט זיך פעסט איינשפאַרן אין די אומגלאַטע ערטער פון באָדן. די דאַקסהינט האָבן זייער שטאַרקע קרעלן, וואָס זיינען זייער גוט צום גראָבן די ערד.

ציין האָט דער הונט כמעט אַזעלכע, ווי ביי אַ קאַץ, מערניט באַקציין האָט דער הונט מער, דעריבער זיינען זיינע קינבאַקן לענגער, ווי ביי אַ קאַץ. דערצו זיינען נאָך דעם הונטס ציין ניט אַזעלכע שאַרפע, ווי ביי דער קאַץ, זיי זיינען אָבער שטאַרקערע. דעריבער קאָן דער הונט צעבייסן אַפילו די גרעסטע ביינער

אַנדערע הינט.

דער וואָלף האָט די גרייס און די געשטאַלט פון אַ שפּיר-הונט. ער לעבּט אין גאַנץ איירראָפּע און אין צפון-און מיטל-אַזיע אין דייטשלאַנד איז ער אינגאַנצן פאַר-טיליקט. די פעל זיינע איז גרוי אָדער שוואַרצלעך, אַזוי ווי דער קאָליר פון דעם באָדן און אין צפון געדיכטער און לענגער ווי אין דרום (וואָס פאַר אַ באַטייטונג האָט עס?).

דער וואָלף יאָגט נאָך זיין רויב; דעריבּער האָט ער זייער אַ שאַרפן חוש-הריח אַזוי ווי דער הונט, און קאָן געשווינט און לאַנג לויפן. צונויפקלייבּנדיק זיך אויף גרויסע מחנותווייז, ווערן די וועלף גאַנץ געפערלעך פאַר זייערע קרבנות, געפייניקט פון הונגער, דערוועגט זיך דער וואָלף אָנצופאַלן אפילו אויף אַ מענטשן.

אַ נאָענטער קרוב צום וואָלף איז דער שאַקאַל, וואָס איז ענלעך אויף אַ פוקס. ער לעבּט אין אַזיע, צפון-אַפריקע און אויף דעם באַלקאַנישן האַלב אינזל.

דער פוקס.

שוין אין די עלטסטע צייטן ווערט דער פוקס געשילדערט ווי אַ ממזרישע חיה, אַ גנבֿ — איינער אין דער וועלט. לויט דעם געבּיי פון זיין קערפּער איז ער ענלעך אויף אַ מיטעלן שפּער-הונט, ער האָט אָבער אַ לענגערן און געדיכטערן וויידל.

די פעל ביים פוקס איז גרוילעך-רויט, זייער גוט צוגעפּאַסט צום קאָליר פון דעם באָדן, און אַז דער פוקס גנבֿעט זיך שטילערהייט, איז אים שווער צו באַמערקן.

דער שמאָלער ווערטיקאַלער שוואַרצאַפּל פון זיין אויג איז אַ סימן, אַז דער פוקס איז אַ נאַכט-חיה, אַזוי ווי די קאַץ. שפּייזן שפּייזט זיך דער פוקס דערהויפּט מיט מייז; ער לאָזט אָבער ניט דורך די געלעגנהייט אַ נאַש צו טאָן האָזנפלייש אָדער אַן אַנדער רויב, אַריינכאַפּן זיך אין אַ פויגלנעסט אָדער אַוועקשלעפּן פון אַ עופות-שטייג אַ הון אָדער אַ גאַנז. ער איז אויך אַ בעלן אויף זיסע אויבּס, דערהויפּט ווייַנ-טרויבּן. אָבער דער נוצן, וואָס דער פוקס ברענגט, פאַרטיליקנדיק די פעלדמייז און אַנדערע שעדלעכע מזיקים, איז גרעסער פאַר זיין שאָדן, סיידן ער באַווייזט זיך שוין אין אַ צו גרויסער צאָל.

צום שוץ קעגן מענטשן און הינט בויט זיך דער פוקס היילן אונטער דער ערד מיט עטלעכע גאַנגען, כּדי לייכטער צו קאָנען זיך ראַטעווען אין פאַל פון אַ סכנה. אויך ביי גרויסע היצן, שטאַרקע גוסרעגנס, שטורימס און קעלטן געפינט ער אין זיין הייל אַ גוטע באַהעלטעניש.

מיט זיינע גייסטיקע פעאיקייטן קאָן זיך דער פוקס פאַרמעסטן מיט אַלע חיות. ער איז פאָרזיכטיק און געשייט און ממזריש-קלוג. אפילו ביי די גרעסטע סכנות פאַרליר ער ניט דעם שׂכל. וועגן די שפּיצלעך פון אַ פוקס ווערן דערציילט גאַנצע מעשיות.

4-טע משפּחה. מאַרדערס.

דער וואַלד-מאַרדער.

(די לענג פון קערפּער 48 סענטימעטער).

דער וואַלד-מאַרדער וואוינט אין גאַנץ איירראָפּע און אין מערבֿ-אַזיע און איז דער פלינקסטער און געשיקטסטער רויבער צווישן אַלע וואַלד-חיות. ער האַלט זיך דאָס רובֿ אין די קרוינען פון די ביימער, יאָגנדיק זיך נאָך וועווערקעס, פייגל און אַלע

אַנדערע בעלי־חיים, וועלכע זיינען שוואַכער פאַר אים. זיין גאַנצער קערפּער איז צוגעפּאַסט צו אַזאַ שטייגער לעבן.

אַ פעל האָט דער וואַלד־מאַרדער אַ ברוינע, וואָס שטימט מיטן קאָליר פון דער ביימער־קאָרע. נגבענענדיק זיך צו זיין רויב, דריקט זיך דער מאַרדער צו צו דעם שטאַם און די צווייגן פון די ביימער און זיין געלער פלעק אויפן האַלז מערקט זיך גאָר ניט.

אַ גוף האָט דער מאַרדער אַ דינעם, אַ לאַנגן, זייער אַ בייגעוודיקן. דעריבער קאָן דער מאַרדער זייער קונציק דורכקריכן דורך די געדיכטסטע און פאַרפּלאָנטערטסטע צווייגן.

זיין בייגעוודיקער לייב און די קורצע עלאַסטישע פיס מאַכן אים פאַר אַ גרויס בריה אונטערצוגנבענען זיך צו זיין רויב. די פינגער ביים מאַרדער זיינען פון אונטן באַוואַקסן מיט האָר און אַפילו דער שאַרפסטער געהער קאָן ניט דערהערן זיין גאַנג.

צוליב דער דאָזיקער בייגעוודיקייט פון זיין לייב און צוליב די לענגערע הינטערשטע פיס איז דער מאַרדער אַ זעלטענער **שפּרינגער**. גרויסע רוימען פליט ער עפּעס ממש אַריבער. דער לאַנגער געדיכטער וויידל דינט אים דערביי פאַר אַ שטייער.

דער בייגעוודיקער גוף, די קורצע פיס און די שאַרפע קרעלן מאַכן אים פאַר אַ אויסגעצייכנטן **קלעטערער**.

אַזוי ווי אַלע עכטע פאַרצוקער, איז דער מאַרדער קלוג, פאָרזיכטיק, מוטיק, בלוטדאָרשטיק און בייז. כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ הינערשטייג אָדער אין אַ טויבנשלאַק, פאַרצוקט ער אַזוי לאַנג, ביז ער שטיקט ניט איבער אַלע עופות. זיין טייערער פוטער איז אַ גוטע צוציאונג פאַר דעם יעגער.

אַנדערע מאַרדערס.

דער שטיינמאַרדער האָט אַ גרויערע פעל און אַ ווייסן פלעק אויפן האַלז און אויף דער ברוסט. ער האַלט זיך אויף אין דער נאָענט פון אַ יישוב און שעדיקט די שטוביקע עופות.

דער סויבל וואוינט אין די קאַלטע געגנטן פון סיביר. גיט זייער אַ טייער פעלצוואַרג.

דער טכויר האָט אַ טונקל־ברוינע פעל, ברענגט אַ שטיקל נוץ דורכדעם, וואָס ער פאַרטיליקט פלייסיק מייז, האַמסטערלעך און שלאַנגען, מאַכט אָבער אויך אָן אַ תל אין די הינערשטייגן.

דער וויזלטיר (שנייוויזל אָדער וויזעלע) האָט אַ רויט־ברוינע פעל, וואָס איז ענלעך אויף ערד־פאַרב. ער כאַפּט דערהויפּט מייז און האַמסטערלעך, דעריבער האָט ער קורצע פיס און אַ בייגעוודיקן גוף, אַזוי ווי ביי אַ שלאַנג.

דער גרויסער וויזלטיר אָדער **דער האַרמעלין** בייט איבער צו האַרבסט־צו די ערדיקע פאַרב פון זיין פעל אויף אַ ווייסער (צוליב וואָס?). גיט זייער אַ טייער פעלצוואַרג.

דער דאַקס האָט אַ אומגעלומפּערטן קערפּער מיט קורצע פיס, וואָס ביים גייןבארירן זיי דעם באָדן מיט דער גאַנצער זויל. ער קאָן ניט כאַפּן קיין שנעלפיסיקע רויב, דעריבער איז ער אַן **אַלצפרעסער**, אַזוי ווי דער חזיר אָדער דער בער. מיט זיינע שטאַרקע קרעלן גראָבט ער אַרויס פון דער ערד וואָרצלען, קנוילן

און פֿאַרשיידענע קליינע חיהלעך. מיט זיין שנוק, וואָס איז ענלעך אויף אַ קורצן חוטם פון אַ העלפֿאַנד, זוכט ער זיי אויס אין די אָראַפגעפֿאַלענע פֿוילנדיקע בלעטער. אַז ס'קומט אָן דער האַרבסט, הייבט ער אָן צו פילן אַ דוחק אין שפייז און צו ווינטער פֿאַלט ער אַריין אין אַ טיפֿן שלאָף. דער דאַקס קאָן ניט לויפֿן גיך צו אַנטרינען פון זיינע שונאים — דעם הונט און דעם מענטשן. דעריבער גייט ער אַרויס אויף רויב נאָר ביינאַכט און בייטאָג ליגט ער באַהאַלטן אין זיין הייל, וואָס ער גראָבט אויס מיט זיינע ברייטע קרעלן. דער קאָליר פון זיינע האָר — גרוי מיט שוואַרץ — שיצט אים פון אַ פֿייגדלעכן אויג, בשעת ער גייט ביינאַכט אַרויס פון זיין לאָך.

א משפחה דאקסן.

דער טייכהונט (די ווידרע).

יעדע וואַרימבלוטיקע באַשעפֿעניש קומט אום, אויב איר קערפער ווערט אָפּגעקילט אין אַ משך פון אַ לאַנגער צייט. פונדעסטוועגן פֿאַרברענגט דער טייכהונט אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן אין קאַלטן וואַסער, וואָרים ער האָט אַ גוטע סגולה קעגן אָפּקילונג: זיין געדיכטער פעלץ איז דורכגעזאַפט מיט פעטס און ווערט ניט דורכגענעצט פון וואַסער. דער טייכהונט שווימט און טוקט זיך אונטער מיט גרויס בריהשאַפט. זיין קליינער פלאַכער גוף בילדעט אַ מין קלין, וואָס צעשניידט גלייך דאָס וואַסער. דער לאַנגער ווידל דינט אים דערביי פֿאַר אַ שטייער. די פֿינגער פון די פיס זיינען פֿאַרבונדן מיט שווימהייטלעך, און דער טייכהונט רודערט זייער גוט מיט די פיס אַזוי ווי מיט וועסלעס. זיין מויל, נאָזלעכער און אויערן קאָן ער לייכט פֿאַרמאַכן און דאָס איז אים זייער וויכטיק ביים אונטערטוקן. דער טייכהונט שפייזט זיך דערהויפט מיט פיש. זיין באַוואוינעכץ בויט ער אין אַ ערדהייל ביים ברעג פון אַ וואַסער, וואָס איז רייך מיט פיש. האָט ער אויסגעכאַפט די פיש און איין אָרט, קלייבט ער זיך אַריבער אין אַן אַנדערן די פישער רודפֿן אים דעריבער אָן רחמנות; אגב איז זיין פעל זייער אַ טייערע.

דער ברוינער בער.

(די לענג 2 מעטער. די הייך ביז די פּלייצעס 1,25 מ.)

זיין פֿאַרשפּרייטונג. פֿאַרצייטענס איז דער בער געווען פֿאַרשפּרייט אין גאַנץ אייראָפּע און אַזיע צו צפון פון די הימאַלאַיער בערג. אויך אין ארץ-ישראל האָט ער זיך באַגעגנט זייער אָפט, ווי עס איז צו זען פון תנ"ך. אַצונד טרעפֿט ער זיך אין ארץ-ישראל נאָר אין די שפּאַלטן פון די הויכע בערג פון לבנון און חרמון. אין אייראָפּע איז ער געבליבן נאָר ערטערווייז אין די הויכע בערג, ווי אויך אין די געדיכטע וועלדער פון רוסלאַנד. פֿאַר זיינע רויבערייען אויף בהמות און ווילדפרעט ווערט ער אומעטום שטאַרק גערודפט פון דעם מענטשן. אַגב שאַצט זיך גאַנץ טייער דעם

בערס געדיכטער צעפּאַטלטער פעלץ, געצייכנט מיט דעם קאָליר פון דעם באָדן (וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט עס?).



אַ בערינטע מיט אירע יונגע בערעלעך.

דער בוי פון קערפּער און לעבנס־שטייגער. דער בער איז אַן אַלצפרעסער; אַלץ, וואָס מ'קאָן נאָר עסן, איז זיין שפּייז. ער איז אַ אומגעלומפּערטע חיה און טרעט מיט די גאַנצע נאַקעטע זוילן פון זיינע פיס (אַ זוילנטרעטער), און הגם ער לויפט פאָרט אַ סך גיכער פון אַ מענטשן פונדעסטוועגן קאָן ער פון רויב אַליין זיך ניט דערנערן (פאַרוואָס?).

אויב דער בער איז אַפילו ניט אַזאַ בריה אויף לויפן, האָט ער דערפאַר אָבער זייער באַוועגלעכע פיס און אַ ריזעדיקע קראַפט. ער קאָן זיך שטעלן אויף די הינטערשטע לאַפּעס און גיין אַזוי (אָדער אויסלערנען זיך טאַנצן). דאַן בלייבן אים די פאָדערשטע לאַפּעס פריי, און דער בער קען זיי באַנוצן צו אַנדערע צוועקן, אַזוי ווי הענט. מיט דער הילף פון די פאָדערשטע לאַפּעס און מיט די שטאַרקע קרעלן קאָן דער בער זייער גוט קלעטערן אויף ביימער און פעלזן.

אַ פוס פון אַ בער

ס'איז גענוג צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם בערס משונה־גרויסן פיסק, כדי איינצוזען, אַז ער לעבט ניט בלויז פון פלייש. אמת, רייסציין האָט ער זייער גרויסע, און זיי זיינען ביי אים אַ געפערלעך געווער. זיינע באַקציין האָבן ברייטע קריינדעלעך מיט טעמפּע פוקעלעך; דעריבער זיינען זיי בעסער צוגעפּאַסט צום צערייבן פלאַנצשטאָפן, ווי צום צעררייסן פלייש. די גרויסע שניידציין זיינען זייער צוגעפּאַסט צום אָפּרייסן גראָזן און יונגע תבואות. דער בער האָט האָלט פירות, אייכלניס, הרעטשקע און האָבער; אָבער זיין גרעסטער מאכל איז האָניק. ער עסט אויך אינסעקטן, ווערים, שנעקעס.

אַזוי ווי דער בער נערט זיך דערהויפּט מיט געוועקסן, איז ער ניט אַזוי גרויזאַם און ניט אַזוי בלוטדאָרשטיק ווי די קעץ. פאַר דעם מענטשן מאַכט ער אַלעמאָל אַ ויברח; אויב אָבער מ'פאַלט אויף אים אָן, איז ער אַ מוראַדיקער געפערלעכער קעגנער.

אויף ווינטער פאַלט דער בער אַריין אין אַ שלאָף, וועלכער געדויערט פאַרשיידן: עס ווענדט זיך אָן דעם, אין וועלכע געגנטן דער בער וואוינט, אין צפונדיקע צי אין דרומדיקע, אויף הויכע בערג אָדער אין טיפע פליינען (פאַרוואָס?).

דער ווייסער בער איז ביז 2,5 מעטער לאַנג. ער וואוינט אויף די ברעגן פון דעם צפונדיקן אייז־אָקעאַן. צוליב זיין ווייסער פעל קאָן ער זיך אומבאַמערקטערהייט אונטערגנבענען איבערן שניי צו זיין רויב; די זוילן פון זיינע פיס זיינען באַוואַקסן מיט האָר, דעריבער קאָן ער זיך לייכט באַוועגן אַפילו איבער דעם גלאַטסטן

אייז. אָבער די מקומות, וואו דער ווייסער בער לעבט, זיינען צו אָרים אין חיות און געוויעקסן, און קאָנען אים ניט צופרידנשטעלן (אָנזעטיקן), בפרט בשעת דעם לאַנגן ווינטער. דעריבער ציט ער זיין חיונה דערהויפּט פון דעם ים, וואָס איז רייך מיט כּלערליי ברואים. אַדאַנק דער ריזעדיקער קראַפט, די ברייטע לאַפּעס און די שווימהייטלעך צווישן די פינגער איז דער ווייסער בער אַ זעלטענער שווימער און אַ קונציקער כאַפּער פון די פלינקע ים-הינט און פיש. דער דיקער, צעפּאַטלטער און שטאַרק דורכגעפעטס-טער פעלץ און די דיקע שיכט פעטס אונטער דער הויט שיצן אים קעגן דער ביטערער קעלט פון דער לופט און דעם וואַסער אין די אייזיקע לענדער פון צפון.

4-טער סדר. רודערפיסיקע אדער פלוספיסיקע (פיני-פעדן).

פליישפרעסער, לעבן דערהויפט אין וואַסער, מיט אַ שפינדלפאָרמיקן קערפער און מיט פיס, וואָס זעען אויס ווי רודערס, ווי פלוספעדערן.

דער ים-הונט.

(די לענג 1,9—1,6 מעטער).

דער ים-הונט לעבט אין די וואַסערן ביי די ברעגן פון צפונדיקן אַנטלאַנטישן אָקעאַן. מ'טרעפט אים אָפּט אויך אין באַלטישן ים און אין צפונדיקן אייז-אָקעאַן. אויף דער יבשה גייט ער אַרויס נאָר אָפּצורוען, שלאָפן, אָדער וואַרימען זיך אויף דער זון, אויסציענדיק זיך אויפן זאַמד אָדער אויף די פעלזן ביים ברעג און ס'איז רעכט אַפילו אויף די קריעס. דאַן לאָזט ער אויך הערן זיין קול — אַ מין הייזעריק בילן (דערפון שטאַמט זיין נאָמען!). דער ים-הונט איז אַלזאָ אי אַ ים-חיה אי אַ יבשה-חיה. דער ים-הונט איז זייער אַ גיכער שווימער און אַ קונציקער אונטערטוקער. זיין קערפּער האָט די געשטאַלט פון אַ שפינדל און די פיס זיינען האַלב באַהאַלטן אין גוף. די פאָדערשטע און די הינטערשטע פיס זיינען אַזוי ווי ברייטע פלאַכע רודערס, און די פינגער זיינען פאַרבונדן דורך דיקע שווימהייטלעך.

דער ים-הונט

די הינטערשטע פיס זיינען געקערט אַהינטער. שלאָגנ-דיק מיט כּוח איין פוס אָן דעם אַנדערן, שטויסט דער ים-הונט אַרויס דאָס וואַסער, וואָס געפינט זיך צווישן זיי, און דער קערפער ווערט געטריבן פאָראויס. די פאָדערשטע ענד-גלידער העלפן אויך אונטער דערביי און דינען פאַר אַ שטייער. די דיקע שיכט פעטס אונטער דער הויט פאַרגרינגערט די ספּעציפישע וואָג פון דעם ים-הונטס קערפער (וואָרים פעטס איז גרינגער פון וואַסער). קיין אויער-לעפלען האָט דער ים-הונט ניט, און דאָס מאַכט אים לייכטער צו באַוועגן זיך פאָראויס. די לעכער פון די אויערן און די נאָזלעכער ווערן ביים אונטערטוקן פאַרמאַכט (וואָס פאַר אַ באַטייטונג האָט עס?).

שפּייז באַקומט דער ים-הונט פון ים. דערהויפּט נערט ער זיך מיט פיש. צום כאַפּן די רויב העלפן אים מיט די גיכקייט און קונציקייט אין שווימען און זיין גרויס בריהשאַפט אין **גרונטעוועך**. אַ לאַנגע צייט קאָן ער אָפּליגן אונטערן וואַסער. אויך די שאַרפע ראיה און דער פיינער חוש-המישוש, וואָס שטעקט אין די האַרטע הערעלעך פון זיינע וואָנסן אויף דער אייבערשטער ליפּ, זיינען צוגעפּאַסט צו זיין מלאכה. דער ים-הונט שפּייזט זיך דערהויפּט מיט גרעסערע בעלי-חיים, דעריבער זיינען זיינע ציין געבויט אַזוי ווי ביי רויבערישע חיות.

די באַקציין זיינען אַלע איין גרייס מיט שאַרפע ציינדלעך, און די רייסציין זיינען אַזוי ווי קינזשאַלן. אַזעלכע ציין זיינען אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט צו כאַפּן און איינהאַלטן די גליטשיקע פיש.

דער ים-הונט אַלס יבשה-חיה. ביי אַ דריטל לעבן פאַרברענגט דער ים-הונט אויף דער יבשה, דעריבער מוז זיין קערפּער זיין ווי עס איז צוגעפּאַסט צום לעבן אויף דער פעסטער ערד, אָבער אַזוי ווי זיינע פיס זיינען זייער קורצע און אויסגעדרייט אַהי-טער און אין די זייטן, זיינען זיינע באַוועגונגען אויף דער יבשה, אויפן אייז, גאַנץ אומגעלומפּערט. דעריבער איז ער אויף דער יבשה אומבאַהאָלפן קעגן זיינע שונאים— די ווייסע בערן און מענטשן. אָבער אַדאַנק זיינע שאַרפע חושים באַמערקט ער דעם פיינד נאָך פון ווייטן און זעט גלייך צו אַנטרינען אין ים אַריין; דאָרטן פילט ער זיך שוין זיכער. אַ שטיקל סגולה קעגן אַ סכנה איז אויך די פאַרב פון זיין פעל, וואָס איז מער אָדער ווייניקער ענלעך צו דעם קאָליר פון דעם באָדן, אויף וועלכן ער ליגט.

די באַטייטונג פון דעם ים-הונט פאַר דעם מענטשן. אַזוי ווי דער ים-הונט פרעסט אויף אַ גוזמא גוטע פיש, איז ער איינע פון די שעדלעכסטע חיות פון די ברעגלענדער. זיין פעל, ווי אויך דאָס פעטס, פון וועלכן מ'קאָכט טראָן, דעקן ניט דעם שאָדן. פאַר אָבער פאַר די גרענלענדער איז דער ים-הונט ניצלעך אָן אַשיעור; מ'קאָן אַפילו זאָגן, אַז ווען ניט דער ים-הונט, וואָלט גרענלאַנד נאָך געווע ווּיסטער פון מענטשן, ווי ביז איצט.

יעדער טייל פון דעם ים-הונט קומט צוניץ. פון דער פעל מאַכט מען קליידער דאָס פלייש און בלוט עסט מען, דעם טראָן טרינקט מען אָדער מ'באַנוצט אים צום באַלייכטן די אָרימע הייזלעך פון די גרענלענדער, די געדערים ווערן באַנוצט אָנשטאָט שויבן צו די פענסטער, אָדער צונויפגענייטערהייט גיבן זיי אַ טייערן מאַטעריאַל פאַר אַ אייבער-בגד, וואָס לאָזט ניט דורך קיין וואַסער; צונויפגעדרייטערהייט פאַרבייטן די געדערים שטריקלעך און קאַנאַטן; פון די ביינער מאַכט מען אַלערליי מכשירים און די קאַנויקעס (ביינדלעך) דינען די קינדער צום שפּילן זיך.

עסקימאָסן אין נעיעג אויף ים-פערד

אויף די ים-הינט ווערט געפירט אַ גרויזאַמער אומברחמנותדיקער געיעג. זייער פעל גייט אויף איבער-ציען טשעמאָדאַנעס א. ד. גל.

אַ נאָענטער קרוב דעם ים-הונטס איז דער ים-פערד, וועלכער לעבט אין די ימען אַרום דעם צפונדיקן פּאָלוס און דערגרייכט אין דער לענג ביי 5—6 מעטער. זיינען

ענדגלידער זיינען לענגערע ווי ביים ים־הונט און מער צוגעפּאַסט צום באַוועגן זיך אויף דער יבשה, ווייל די הינטערשטע פיס זיינען אויסגעדרייט ניט אַהינטער, ווי ביי דעם ים־הונט, נאָר אַראָפּצו, אַזוי ווי ביי יבשה־באַשעפעניש. שפּייזן שפּייזט זיך דער ים־פערד דערהויפּט מיט מושלען, וועלכע ער רייסט אָפּ פון פעלזן מיט זיינע משונה־גרויסע געזונטע רייסציין, אָדער זייט דורך פון דעם שליים מיט זיינע באָרשטיקע האָר, וואָס זיצן ביי אים אויף דער אייבערשטער ליפּ. ער בראָקירט אָבער ניט מיט פיש און מיט מאָלוסקן. פון אַ דערהרגעטן ים־פערד נעמט דער מענטש די פעל, דאָס פעטס און די רייסציין, וועלכע ווערן באַנוצט אָנשטאָט העלפאַנדביין.

6־טער סדר. האַנטפליגלדיקע אָדער פלעדערמייז.

צווישן די שטאַרק פאַרלענגערטע פאָדערשטע און הינטערשטע ענדגלידער איז אָנגעצויגן א פליהויט. אין מויל האָבן זיי אַלע דריי מינים ציין.

דער לאַנגאויער.

(דער קערפּער און דער ווידל צו 4 סענטימעטער לאַנג).

לאַנגאויער הייסט די דאָזיקע באַשעפעניש פאַר אירע לאַנגע אויערן; מ׳רופט זי אויך, ווי אַלע באַשעפענישן פון דעם סדר, פלעדערמויז, ווייל זי איז אַ ביסל ענלעך אויף אַ מויז. להיפך פון אַלע זויגערס איז די פלעדערמויז אימשטאַנד צו פליען אין דער לופטן, דעריבער זיינען די פלעדערמייז אין אַ סך אופנים גאַנץ אַנדערש געבויט. צווישן דעם גוף, די פאָדערשטע און הינטערשטע פיס און דעם ווידל איז פון יעדער זייט אָנגעצויגן אַ פליהויט.

אַזוי ווי דער פאָדערשטער טייל פון דער פליהויט איז זייער אַ ברייטער, זיינען אַלע ביינער פון די פאָדערשטע ענדגלידער, און בפרט די פינגער, וואָס האַלטן אונטער די הויט, זייער אויסגעצויגן.

לאַנגאויערס

ביים פליען ווערט זי פליהויט אויסגעשפּרייט און צונויפגעלייגט, אַזוי ווי אַ רעגנשירים. דעריבער איז זי אויסערגעווײנלעך עלאַסטיש. כדי די דאָזיקע אייגנשאַפט פון דער פליהויט זאָל ניט פאַרלוירן גיין, ווערט זי דורכגעזאַפּט מיט פעטס איטלעכס מאָל, ווען די פלעדערמויז פליט אַרויס. דאָס פעטס ווערט אויסגעשיידט פון די דריזלען, וועלכע געפינען זיך צווישן נאָז און די אויגן.

אָבער די פלעדערמויז איז ניט אינגאַנצן קיין לופט־חיה. אָפּרוען טוט זי אויף פעסטע געגנשטאַנדן. אירע ענדגלידער מוזן אַלזאָ זיין צוגעפּאַסט אויך צום באַוועגן זיך אויף דער ערד (פאַרגלייך, למשל, מיטן ים־הונט). דעריבער זיינען די גרויסע פינגער פון אירע פאָדערשטע ענדגלידער און די זוילן פון אירע הינטערשטע פיס ניט פאַרצויגן מיט דער פליהויט. מיט די קרעלן פון די גרויסע פינגער קלאַמערט זי זיך

אָן דער ערד אָדער אָן אַן אַנדער פעסטן געגנשטאַנד און מיט די הינטערשטע פיס שטופּט זי אונטער דעם קערפּער. אַזוי אַרום קריכט זי, אמת — גאַנץ אומבאַהאָלפן.

די הינטערשטע פיס ביי דער פלעדערמויז זיינען קורץ און שוואַך, דעריבער קאָן זי זיך נִיט אַ הייב טאָן פון דער ערד, אַזוי ווי אַ פויגל. זי קאָן אָנהייבן צו פליען נאָר אַראָפּפאַלנדיק פון ערגעץ אין דער הייך. מיט דער הילף פון די קרעלן אויף די גרויסע פינגער פון די פאָדערשטע און די הינטערשטע ענדגלידער קלעטערט זי אַרויף אויף שטאַמען פוןביימער, אויף ווענט אָדער אַנדערע געגנשטאַנדן און וואַרפט זיך פון דאָרטן אַרונטער

אויך ווען זי רוט, פאַרנעמט זי אַ אויסטערלישע לאַגע: מיט די פיס הענגט זי זיך אָן מיטן קאָפּ אַראָפּ אָן אַן אַרויסשטאַרצנדיקער באַלקע פון הויז, אָן אַ געזימס, אָן אַ צווייג וכדומה. און ווי נאָר זי לאָזט זיך אָפּ, קאָן זי גלייך אויסשפּרייטן די פליהויט און אָוועקפלאַטערן.

דער בוי פון קערפּער און די שפּייז פון דער פלעדערמויז. אַ גאַנצן טאָג שלאָפט די פלעדערמויז. ערשט ווען די זון פאַרגייט, פליט זי אַרויס אויף געיעג, כאַפּן פליגן, דערהויפּט — נאַכט=פלעדערלעך. זי איז אַלזאָ אַ אינסעקטנפרעסנדיקע נאַכט=חיה.

די קליינע אויגן פון דער פלעדערמויז האָבן אַ שוואַכע ראיה. דערפאַר איז איר חוש=המישוש אומגעוויינלעך שאַרף. נאַטורפאָרשער האָבן געמאַכט אַזאַ פּרוב: פאַרקלעפּט פלעדערמייז די אויגן מיט אַ פלאַסטער און געלאָזן פליען אין אַ צימער, וואו עס זיינען געווען אָנגעצויגן זייער אַ סך פעדים. די פלעדערמייז האָבן זיך קיין איין מאָל נִיט פאַרטשעפּעט אָן די פעדים. דאָס לאָזט זיך דערקלערן נאָר אויף אַזאַ אופן: פאָכנדיק מיט די פליגלען, ברענגען זיי די לופט אין באַוועגונג. די לופט=כוואַליעס, אָנשלאָגנדיק זיך אָן די פעדים, ווערן פון זיי צוריקגעוואָרפן. די פלעדערמייז האָבן דערפילט די דאָזיקע צוריקגעוואָרפענע לופט=כוואַליעס און האָבן אויסגעמיידט די פעדים.

אַזוי דערפילן זיי אויך די שוואַכע באַוועגונגען פון דער לופט, וואָס אַ פליענדיקער אינסעקט מאַכט אָן. דער דאָזיקער מערקווירדיק פיינער טאַפּ=חוש זיצט ביי דער פלעדערמויז אין דער פליהויט, אין די צאַרטע לעפלען פון די אויערן און אין דעם דעקל, וואָס מאַכט צו די לעכער. דערפאַר טאַקע זיינען די אויערן ביי דעם לאַנגאויער אַזעלכע גרויסע און נִיט באַדעקט מיט געדיכטע האָר.

אַזוי ווי די פלעדערמויז כאַפּט איר רויב פליענדיק, עפנט זיך איר פּיסק זייער ברייט (פאַרגלייך איר מוילשפּאַלט מיט דעם מוילשפּאַלט פון אַ שוואַלב).

די ציין ביי אַ פלעדערמויז זיינען שאַרף ווי נאָדלען. די באַקציין האָבן שפּיציקע פּוקעלעך. די דאָזיקע באַקציין, ווי אויך די לאַנגע רייסציין, אַזוי ווי קינזשאַלן, קאָנען דורכקבערן די האַרטע פליגלען און פאַנצערס פון גרעסערע אינסעקטן; טעמפּע ציין וואָלטן זיך אויסגעגליטשט אָן זיי. אַ גרויסע חיה, ווי למשל, אַ פערד, אַ העלפאַנד, וואָלט נִיט געווען ביכולת אָנצוכאַפּן אַזאַ גרומא אינסעקטן, אַז זי זאָל זיך דערמיט אָנעסן צו זאַט. דעריבער איז די פלעדערמויז אַ קליין חיהלע, אַזוי ווי אַלע אינסעקטנפרעסערס (דהיינו?).

ווי אַזוי די פלעדערמויז טראָגט אַריבער דעם ווינטער. די פלעדערמויז קאָן נִיט אַרויסבאַקומען די איבערווינטערנדיקע אינסעקטן פון זייערע באַהעלטענישן אַרויס; זי קאָן זיך אויך נִיט מאַכן קיין זאַפּאַסן אויף ווינטער, אַזוי ווי די וועווערקע, למשל, און אַוועקפליען אַזוי ווי אַ פויגל אין די וואַרימע לענדער איז זי אויך נִיט אימשטאַנד, וואָרים זי איז אַ גאַנץ שוואַכע פליערין. וואָלט זי אויסגעגאַנגען

פון הונגער, ווען זי וואלט ניט אַריינגעפאַלן אין אַ ווינטער-שלאָף. ווי עס הייבט זיך אָן די קאַלטע צייט פון יאָר, זוכט זי זיך אויס ערגעץ אַ געשיצט ווינקעלע אין היילן פון בערג, אין קעלערס, אויף ביידימער, אין פוסטע חורבות, אין הוילע שטאַמען פון דיביימער און הענגט דאָרט אָפּ אויף די הינטערשטע פיס, מיטן קאָפּ אַראָפּ, פאַרגליווערט, אָן באַוואוסטזיין. ווי אַזוי אָבער קאָן זי איבערטראָגן אַזאַ לאַנגע צייט פון קעלט און תענית? דער געדיכטער פעלץ און די פליהויט, וואָס הילט אַיין איר לייב אַזוי ווי מיט אַ מאַנטל, שיצן זי פון אַ צו שטאַרקער אָפּקילונג; און הגם זי הענגט אָפּ אַ גאַנצן ווינטער אַזוי ווי אַ טויטע, איז דאָס לעבן ביי איר אינווייניק ניט אויסגעלאָשן: אין דער גוטער צייט פון יאָר, ווען עסן האָט זי געהאַט לרוב, האָט זי אָנגעקליבן אויפן לייב פעטס, וואָס האַלט אונטער, אין דער צייט פון דעם לאַנגן תענית, די שוואַכע פונקציעס פון לעבן.

צוליב דעם, וואָס די פלעדערמייז שפּייזן זיך מיט אינסעקטן, זיינען זיי פאַרשפּרייט דערהויפּט אין די וואַרימע דרומדיקע לענדער.

וואָס נעענטער צום פּאָלוס, אַלץ זעלטענער ווערן די אינסעקטן. דעריבער טרעט די פלעדערמייז זייער זעלטן אַריבער דעם 60-טן גראַד פון דער צפונדיקער ברייט.

די באַטייטונג פון פלעדערמייז פאַר מענטשן און אין דער נאַטור. אומוויסנדיקע מענטשן ריידן זיך איין, אַז די פלעדערמייז עסן אויף דאָס פעטס אין די קעלערס. אָבער שוין דער בוי פון די ציין דערווייזט אונז, אַז די פלעדערמייז קאָנען דאָס ניט טאָן (ווער נאַשט טאַקע אויס דאָס פעטס אין די קעלערס?) אַ באָבע-מעשה איז אויך דאָס איינריידעניש, אַז זיי פּלאָנטערן זיך אַריין דעם מענטשן אין די האָר. ס'איז אויך נאַריש צו פיינט צו האָבן פלעדערמייז דערפאַר, וואָס זיי זיינען נאַכט-חיות און זעען אויס ווי מייז.

פליען אין דער לופטן איז אַ סך שווערער ווי באַוועגן זיך אויף דער ערד (פאַרוואָס?) און וואָס שווערער ס'איז די באַוועגונג, אַלץ מער כוח דאַרף דערויף אַוועקגיין, און וואָס מער כוח עס גייט אַוועק, אַלץ מער עסן ווערט געפּאָדערט, כדי די כוחות צו באַנייען (ווען עסן מיר אַ סך?). די פלעדערמייז זיינען דעריבער משונה-גרויסע פרעסערס.

דער קאָפּ פון דעם גרויסן פּאָדקעווע-נאָז

די פלעדערמייז שפּייזן זיך דערהויפּט מיט נאַכט-פלעדערלעך, און די שלייערלעך פון די דאָזיקע פלעדערלעך ברענגען זייער פיל שאָדן די פרוכט- און וואַלד-ביימער. דערפאַר זיינען די פלעדערמייז העכסט ניצלעכע באַשעפענישן און מ'דאַרף זיי שאַנעווען ביז גאָר.

שונאים האָט די פלעדערמויז ניט ווייניק: סאָוועס זוכן זי צו כאַפּן, בשעת זי פליט; מאַרדערס, טכוירן, ווייזעלעך און קעץ פאַלן אויף איר אָן, בשעת זי רוט. אָבער קעגן די דאָזיקע מזיקים שיצט זי זיך דורכדעם, וואָס זי זוכט זיך אויס אַ באַהעלטעניש אין שווער צוטריטלעכע ערטער. אויך די גרויע פאַרב איז איר אַ גוטע סגולה. אַ שלאָפנדיקע פלעדערמויז זעט אויס אַזוי ווי אַ שפּינוועבס, וואָס איז באַדעקט מיט שטויב.

אויף דעם לאַנגאָויער זיינען ענלעך די פלעדערמייז-אינסעקטנפרעסער. אייניקע פון זיי, למשל, דער גרויסער פּאָדקעווע-נאָז, האָבן אויפן נאָז אַ משונה-

דיקן הויטיקן צוגאָב, וואָס זעט אויס ווי אַ פּאָדקעווע און וואָס פאַרגרעסערט, משמעות נאָך די שאַרפקייט פון דעם חוש־המישוש.

פון די אַנדערע פלעדערמייז איז צו דערמאָנען דעם וואַמפּיר, וועלכער לעבט אין דרום־אַמעריקע; אַז ס׳פעלט אים אינסעקטן צום עסן, זויגט ער בלוט ביי אַנדערע חיות.

פון די פלעדערמייז פרוכטפרעסער, וועלכע וואוינען נאָר אין די וואַרימע געגענטן פון דער אַלטער וועלט, איז באַקאַנט דער פליענדיקער הונט פון די אָסטאינדישע אינזלען (ביז 40 סאַנטימעטער לאַנג) און דער פליענדיקער פוקס, די גרעסטע און די שטאַרקסטע צווישן די פלעדערמייז אין ארץ־ישראל.

6־טער סדר. אינסעקטנפרעסער.

קליינע בעלי־חיים, גיען אויף די זוילן מיט שטאַרקע קרעלן. אלע דריי מינים ציין אין מויל (רייסציין, שניידציין און באַקציין). די באַקציין מיט שפּיציקע פוקעלעך. די נאָז אויסגעצויגן אין אַ שנוק.

דער מוילוואָרף.

(אַרום 15 סענטימעטער די לענג).

דער מוילוואָרף פאַרברענגט כמעט זיין גאַנץ לעבן אין דער ערד. אין דעם אָרט, וואו אַ מוילוואָרף האָט זיך באַזעצט, איז די ערד דורכגעלעכערט מיט אָן אַ שיעור גאַנגען, און אויבן אויף דער ערד איז אָנגעוואָרפן קופּקעלעך אָנגעגראָבענע ערד. אונטער אַ גרויס קופּקעלע געפינט זיך דעם מוילוואָרפס קיילעכדיקע הייל, אויסגע-



סקעלעט פון אַ מוילוואָרף

בעט מיט מאָך, בלעטער אָדער גראָז. אויב די הייל ליגט ניט אין דעם אָרט, וואו דער מוילוואָרף טרייבט געוויינלעך זיין געיעג, פירט צו אים אין הייל אַ לאַנגער, שטייף איינגעטראָטענער גאַנג.

ווי אַזוי דעם מוילוואָרפס קערפּער איז צוגעפּאַסט צום לעבן אין דער ערד. די פאָדערשטע פיס זיינען צוגעפּאַסט צום גראָבן ערד און דינען אים פאַר רידלען. זיי זיינען געקערט ניט אַראָפּצו, ווי ביי דאָס רוב זויגערס, נאָר אין די זייטן, אָפּשטייענדיק פון גוף פלאַזאָם.

די פלאַכע און זייער ברייטע לאַפּעס זיינען געקערט אַהינטער. די קורצע פינגער זיינען כמעט ווי צונויפגעוואַקסן צווישן זיך און באַוואָפנט מיט לאַנגע, ברייטע און פאַרשאַרפטע נעגל. בשעת דער מוילוואָרף גראָבט זיך אַ גאַנג אין דער ערד.

קראַצט ער די ערד מיט די פאָדערשטע לאַפּעס. אַזוי ווי מיר סקראָבען אויס מיט אַ לעפל פאַרטריקנטע טייג פון אַ מולטער און אַזוי ווי מיר נעמען דאַן אָן דעם לעפל ניט פאַרן עק שטיל, נאָר נעענטער צום לעפל גופא (פאַרוואָס ?), אַזוי זיינען אויך דעם מוילוואָרפס לאַפּעס קורץ ד. ה. דער איבעראָרים און דער אונטעראָרים זיינען איינגאַנצן באַהאַלטן אין קערפּער, אַזוי אַז נאָר די לאַפּעס שטאַרצן אַרויס פון דער פעל. די אָרים=ביינער זיינען גראָב און שטאַרק, אַזוי ווי אַ גראָבער און שטאַרקער שטיל צו די לאַפּעס, דעריבער קאָן דער מוילוואָרף גראָבן די ערד מיט אַ גרויסן כוח.

ביים גראָבן אין ווייכער אָדער זאַמדיקער ערד אַרבעט דער מוילוואָרף אויך מיט דעם קאָפּ. די נאָז ביים מוילוואָרף איז אויסגעצויגן אין אַ שנוק; דעריבער האָט זיין קאָפּ די געשטאַלט פון אַ קלין און מ׳קאָן מיט אים בויערן די ערד. דער שנוק ביים מוילוואָרף איז אַ גאַנץ פעסטער, ווייל ער זיצט אויף אַ ביינדל; פונדעסטוועגן בלייבט דער שנוק ביגעוודיק און באַוועגלעך. דעריבער קאָן דער מוילוואָרף ניט בויערן מיטן קאָפּ האַרטע אָדער שטייניקע ערד; אין האַרטער ערד קאָן ער גראָבן נאָר מיט זיינע לאַפּעס. זיי זיינען דאָך אָבער צו קורץ און קאָנען ניט דערלאַנגען ביזן שפּיץ שנוק, דעריבער קאָן דער מוילוואָרף אַריינציען דעם קאָפּ אַרונטער, אַזוי אַז די לאַפּעס זאָלן קאָנען אָפּגראָבן די ערד פאַרן קאָפּ. דער קאָפּ דינט דעם מוילוואָרף אויך אַלס שופל אַרויסצוּוואַרפן די ערד. ווען עס קלייבט זיך אָן צופיל אָנגעגראָבענע ערד, עקבערט זיך דער מוילוואָרף דורך אַ וועג אַרויפצו און דורך שטאַרקע שטויסן מיטן קאָפּ וואַרפט ער אַרויס די ערד. אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ מוילוואָרף=קופּקע.

די הינטערשטע פיס דעם מוילוואָרפס זיינען ניט צום גראָבן ערד, דעריבער זיינען זיי אַ סך שוואַכער פאַר די פאָדערשטע און זיינען געבויט ווי געוויינלעכע פיס צום גיין.

די פעל ביים מוילוואָרף איז אַ גלאַטע, אַזוי ווי אַ סאַמעט, און באַשטייט פון קורצע געדיכט אָנגעזעצטע האָר, וועלכע לאָזן ניט צו צו דער הויט ניט קיין ערד=גרייפעלעך, ניט קיין נאַסקייט. דער שוואַרצער קאָליר פון דער פעל מאַכט אים גאַנץ אומגעזעען, ווען ער גייט ביינאַכט אַרויס אויבן אויף דער ערד צו כאַפּן רעגנווערים אָדער אינסעקטן.

קיין אויער=לעפּלען האָט דער מוילוואָרף ניט; זיי וואָלטן אים געשטערט צו באַוועגן זיך אין דער ערד; אַגב זיינען זיי אים איבעריק אויך, ווייל די ערד גיט איבער דעם קלאַנג אַ סך בעסער ווי די לופט (דערווייז דאָס !). די לעכער פון די אויערן קאָנען זיך פאַרמאַכן, כדי עס זאָל ניט אַריינקומען אַהינצו קיין זאַמד אָדער ערד. צוליב דעם זיינען די נאָזלעכער געווענדט אַראָפּצו. די אייבערשטע ליפּ איז פאַרזעען מיט אַ הויט=פעלבעלע, וואָס לייגט זיך אַרויף אויף דער אונטערשטער ליפּ; דורכדעם ווערט דער מויל פאַרשלאָסן.

די אויגן ביי אַ מוילוואָרף זיינען זייער קליינטשקע, אַזוי ווי אַ קערנדל פון מאָן די גרייס. זיי זיינען איינגאַנצן פאַרדעקט מיט די האָר פון פעל און האָבן ניט קיין באַטייטונג פאַרן מוילוואָרף: אונטער דער ערד איז סיי ווי נישטאָ וואָס צו זעען.

דער בוי פון זיין קערפּער און זיין שפּייז. די ציין פון אַ מוילוואָרף זיינען זייער ענלעך צו די ציין פון אַ פלעדערמויז, דער בעסטער סימן, אַז דער מוילוואָרף בערט זיך דערהויפּט מיט אינסעקטן אָדער מיט זייערע שליירלעך. ער האָט אָבער אויך ניט פיינט מייז, פרעש, זשאַבעס, רעגנווערים און שנעקעס.

ביי אַ בלינדן מענטשן זיינען אָנשטאָט דער פלינקער ראיה שטאַרק אַנטוויקלט די חושים פון הערן און פון טאַפּן. דאָס אייגענע איז אויך ביים מוילוואָרף. די ראיה פאַרבייטן אים דער חוש=הריח און דער חוש=המישוש. אין זיין שנוק, וואָס איז רייך מיט נערוון, האָבן די נאַטורפאָרשער אַנטדעקט אַ העכסט שאַרפן חוש צום טאַפּן. אויך זיין געהער איז אַ אויסגעצייכנטער.

דעם מוילוואָרף קומט שטענדיק אויס צו גראָבן זיך אין דער ערד, ער דאַרף דערום פּטרן דערויף אַ סך כוחות. כדי צו באַנייען די כוחות, מוז ער אַ סך עסן, דעריבער איז אַ מוילוואָרף זייער אַ גרויסער פרעסער (פאַרגלייך מיט דער פלעדערמויז) צוליב זיין גרויסער באַדערפעניש אין עסן, ליידט דער מוילוואָרף ניט, אַז נאָך אַ מוילוואָרף זאָל זיך רייבן אין זיין גבול. ער איז דעריבער אַ רוגזהדיקער בייזער פרוש, וואָס איז גרייט צו פאַרטיידיקן זיין אייגן שטיקל ערד ביזן לעצטן אָטעם. מיט אינסעקטן אַליין, ווי מיר האָבן שוין געזען ביי דער פלעדערמויז, וואָלט אַ גרויסע חיה זיך ניט געקענט אָנעסן. דעריבער איז דער מוילוואָרף אויך אַ ק ל י י ן חַ יְ ה ל ע.

די רעגנווערים און די שלייערלעך פון די אינסעקטן, וואָס דערמיט שפּייזט זיך דער מוילוואָרף, פאַרקריכן צו ווינטער=צו טיפער אין דער ערד, וואו דער פראָסט האָט שוין ניט קיין שליטה. דער מוילוואָרף גייט זיי אויך נאָך אַהינצו, דעריבער דאַרף ער ניט אַריינפאַלן אין אַ ווינטער=שלאָף, אַזוי ווי, למשל, די פלעדערמויז.

די באַטייטונג זיינע אין דער נאַטור און פאַר דעם מענטשן.

מיר האָבן שוין געזען, וואָסערע בעלי=חיים דער מוילוואָרף פאַרטיליקט.

דער מוילוואָרף ברענגט אַ נוצן אויך דערמיט, וואָס ער גראָבט אויס אין דער ערד דורכגענג און הייַלן. דאָס וויזעלע נוצט אויס זיינע דורכגראָבונגען, כדי צו כאַפּן די פלעדערמייז, וואָס ברענגען גרויסע שאָדן דעם ערדאַרבעטער, און אין דעם מוילוואָרפס היילן מאַכן אָפּט זייערע נעסטן די ע ר ד ב י נ ע ן, וואָס זיינען זייער נוצלעכע אינסעקטן, וואָרים זיי העלפן=מיט דער באַשטויבונג פון אַ סך בלומען.

ש ו נ א י ם האָט דער מוילוואָרף גאַנץ היבש. פוקסן, מאַרדערס, סאָוועס, פאַלקן, ראָבן און בושלען לאָקערן אויף אים, ווען ער ווייזט זיך פון אונטער דער ערד אַרויס, כדי אַרויסצוואַרפן די אויסגעגראָבענע ערד, און דאָס וויזעלע יאָגט אים נאָך אין זיינע דורכגענג אונטער דער ערד. דאָרט, וואו דער מוילוואָרף שפּייזט זיך דערהויפּט מיט שעדלעכע שלייערלעך און פלעדערמייז, איז ער דער געטרייסטער העלפער פאַר דעם ערדאַרבעטער און ברענגט אים גרויסע נוצן. דאָרט אָבער, וואו די דאָזיקע, זייער שעדלעכע ברואים פעלן, און ער מוז זיך שפּייזן דאָס רוב מיט רעגנווערים, קאָן ער ברענגען שאָדן, וואָרים די דאָזיקע רעגנווערים האָבן זייער אַ גרויסע באַטייטונג: זיי אַרבעטן איבער די ערד און מאַכן זי פעט (זע ווענן דעם אין דעם קאַפּיטל וועגן רעגנווערים). אָבער אויך אין דעם פאַל קאָן דער מוילוואָרף אַמאָל ברענגען נוצן, אויב די רעגנווערים ווייזן זיך אין אַ צו גרויסער צאָל. וואָרים די רעגנווערים האָבן ליב אָוועקצושלעפּן אין זייערע גריבעלעך די יונגע פלענצעלעך, און ווען זיי זיינען אין די גרויסע מאַסן, קאָנען זיי פּטרן גאַנצע פעלדער פאַרזייטע. אַ פאַרשטענדיקער גערטנער דאַרף זיך דעריבער גוט מיישב זיין, צי זאָל ער פאַרטרייבן דעם מוילוואָרף פון זיין גאָרטן צי ניט. הרגענען אים אָבער טאָר מען געוויס ניט, און אויב דער מוילוואָרף ווערט שוין צו שטאַרק נמאס, צעגראָבנדיק די בייטן אין די גערטנער, דאַרף מען אים פאַרטרייבן אין פעלד אַריין אָדער אויף אַ לאָנקע; דאָרטן וועט ער אַלעמאָל געפינען אַ נוצלעכע אַרבעט.

אַנדערע אינסעקטנפ־עסער.

דער ערדגראָבער (אָדער די שפּיצמויז) האָט די געשטאַלט פון אַ מויז, אָבער לעבן לעבט ער, אַזוי ווי דער מוילוואָרף, אונטער דער ערד. דערפאַר האָט ער אויך אַ סאַמעטענעם פעלץ, קליינטשקע אייגעלעך, אויערן, וואָס פאַרמאַכן זיך, און אַ שנוק. אָבער די פאָדערשטע פיס זיינע זיינען ניט אַזוי צוגעפּאַסט צום גראָבן די ערד אַזוי ווי ביי אַ מוילוואָרף, דעריבער קאָן ער ניט אויסגראָבן אַזעלכע קונציקע דורכגענג אין היילן און נוצט דאָס רוב אויס פאַרטיקע שפּאַלטן אין דער ערד אָדער די היילן פון אַ מוילוואָרף. שפּייזן שפּייזט זיך דער ערדגראָבער מיט אינסעקטן און מייז, ווינטער כאַפּט ער זיך אָפּט אַריין אין שטאַלן אין שייערס, צו פאַרזוכן מייזנפלייש.

דער נאָדלער קאָן ניט לעבן אין דער ערד שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער איז צו גרויס דערצו (ביז 30 סענטימעטער). מיטן שנוק און לאַפּעס, באַוואָפנטע מיט שטאַרקע קרעלן, גראָבט ער אַרויס פון דער ערד מייז אָדער גראַבלט אויס אין דעם טרוקענעם בלעטערוואַרג אינסעקטן, ווערים און שנעקעס. ווינטער האָט ער ניט וואו צו באַקומען חיונה, באַהאַלט ער זיך אין זיין איינפאַך געבויטן הייל און פאַלט דאָרט אַריין אין אַ ווינטער־שלאָף. קעגן זיינע שונאים איז ער זייער גוט באַשיצט דורך זיינע נאָדלען און דער ערדיקער פאַרב פון זיין פעל. ווי נאָר ער מערקט אַ סכּנה, דרייט ער זיך גלייך צונויף אין אַ קנויל. דער קאָפּ, דער בויך און די פיס זיינען ביי אים אָן שטעכלקעס; דעריבער בייגט ער דעם קאָפּ און די פיס אַרונטער אונטערן בויך און ציט אויף זיי אַרויף די שטעכעדיקע הויט פון רוקן. דער שונא שטויסט זיך דאַן אָן אויף אַ קנויל, באַדעקט פון אַלע זייטן מיט טויזנטער שאַרפע נאָדלען. דער נאָדלער פאַרטיליקט זייער אַ סך גיפטיקע שלאַנגען און פלעדערמייז; דעריבער פאַרדינט ער דעם גרעסטן שוץ אונזערן.

7־טער סדר. נאָגערס.

די נאָגערס האָבן אויבן און אונטן צו צוויי גרויסע שניידציין, וועלכע זעען אויס ווי דלאָטעס. קיין רייסציין איז נישטאָ. די פינגער זיינען באַוואָפנט מיט קרעלן.

1־טע משפּחה. די וועווערקע (דאַס פייעלע).

(דער קערפּער ביז 25 סאַנטימעטער לאַנג).

די וועווערקע—אַ חיהלע צוגעפּאַסט צום לעבן אויף ביימער. איר גאַנץ לעבן פאַרברענגט די וועווערקע אין וואַלד, כּסדר אַרומשפּרינגענדיק פון בוים אויף בוים, פון צווייג אויף צווייג. אַדאַנק די לאַנגע געזונטע הינטערשטע פיס און דעם בייגעוודיקן גוף איז די וועווערקע אַ קונציקע **שפּרינגערין**; אַפילו אַ מהלך פון 4—5 מעטער שפּרינגט זי אַריבער גאַנץ לייכט. די פינגער (אויף די הינטערשטע פיס—5, אויף די פאָדערשטע—4) זיינען לאַנגע און ניט צונויפגעוואַקסענע, נאָר אַזוי ווי די פינגער פון אַ מענטשנס האַנט — פריי. דעריבער קאָן די וועווערקע לייכט און זיכער האַלטן זיך אויף די צווייגן און אַרומנעמען מיט זיי דינע צווייגלעך.

ביים שפּרינגען קומט איר שטאַרק צוניץ דער לאַנגער געדיכטער וויידל, וואָס דינט איר פאַר אַ שטייער. ווען די וועווערקע שפּרינגט אָדער פאַלט אַרונטער פון אַ הויכן בוים אויף דער ערד, דינט איר דער וויידל פאַר אַ פאַל־שירים (פּאַראַשוט), וואָס שוואַכט שטאַרק אָפּ דעם אימפּעט פון פאַל.

אדאנק די לאנגע שארפע קרעלן פון די פינגער, וועלכע קענען זיך טיף אריינ-האקן אין דער קארע פון דיביימער, קלעטערט די וועווערקע זעלטן גוט איבער די ביימער.

די וועווערקע — א נאגער. די וואלד-ביימער גיבן דער וועווערקע גענוג חיונה; ניס פון דעמבעס, בוקן און ניסנביימער, זאמען פון טענענביימער און סאסנעס, יונגע פלענצלעך, קנאספן, יאגדעס, שוואומען און קארע פון צווייגן און ביימער — דאס אלץ איז פאר איר צום עסן. ווי אזוי אבער קאן זי צוקומען צו די זיסע יאדערס פון די ניס, אדער אפנאגן, ד. ה. אפגריזיען די הארטע קארע פון די ביימער?

דערצו האט זי צוויי שניידציין אייבערשטע און אונטערשטע, וועלכע זיינען אינגאנצן געגליכן צו קליינע דלאטלעך. אז מיר ווילן מיט א דלאטע ארויסהאקן פון א ברעט קליינע שטיקלעך, זעצן מיר די דלאטע אריין אונטער א שארפן ווינקל, ד. ה. וואס אנגעבויגענער (פארוואס?). דאסגלייכן קומען דער וועווערקעס שטארק אויסגע-קרימטע שניידציין אויס צו דער זאך, וואס זי נאגט, אויך אונטער זייער א שארפן ווינקל.

דער וועווערקעס שניידציין דארפן ארבעטן מיט גרויס כוח, דעריבער זיצן זיי זייער טיף און זייער פעסט אין די קינבאקן, אזוי ווי אייזערנע דלאטעס אין די שטילן. דורך אפטן געברויך ווערט אפילו דער הארטסטער שטאלענער אינסטרומענט שטארק אפגעניצט. דאסגלייכן וואלטן דער וועווערקעס שניידציין סוף-כל-סוף אויך זיך געמוזט אפרייבן, אויף אזויפיל, אז זיי וואלטן מער ניט געטויגט צום געברויך! דעריבער וואקסן זיי פון אינווייניק צו אויף אזויפיל, אויף וויפיל זיי רייבן זיך פ'ן דרויסן אפ.

ווען די שניידציין פון א וועווערקע וואלטן געווען, אזוי ווי ביי א מענטשן, באַ-דעקט ארום און ארום מיט עמאל, וואלטן זיי פון שטענדיקן נאגן הארטע זאכן גע-ווארן גלייכמעסיק טעמפ פון אלע זייטן. אזוי ווי אבער ביי א דלאטע אדער ביי א הובל מאכט מען בלויז די שארף פון שטאל, אזוי זיינען אויך די שניידציין ביי דער וועווערקע נאר פון אויסן באדעקט מיט עמאל; דער רעשט צאן באשטייט פון א ווייכערער ביינער-מאסע. פון גריזיען הארטע זאכן ווערט די דאזיקע ביינער-מאסע אפגעריבן גיכער, ווי די הארטע עמאל. דעריבער בלייבט דער שניידצאן שטענדיק פארשארפט אזוי ווי ביי א דלאטע. די שניידציין וואלטן ניט גוט זיך געפאסט צום אפגריזיען אדער צו נאגן הארטע זאכן, ווען זיי וואלטן געזעסן מיט די איבעריקע ציין אין איין ראנד נאכאנאנד. זיי זיינען דעריבער אפגעטיילט פון די באקציין מיט א גרויסן בלויז. קיין רייסציין האט די וועווערקע גאר ניט, און צו וואס דארף זי זי, וויבאלד זי שפייזט זיך מיט געוויקסן! (פארגלייך די ציין פון א וועווערקע מיט א קאצס).

כדי די פלאנציקע שפייז זאל קאנען פארדייט ווערן, מוז זי גוט צעריבן ווערן. ווען די וועווערקע קייט, באוועגט זיך איר קינבאק אהין און צוריק, און אירע באק-ציין ארבעטן דאן אזוי ווי פיילן, וואס צערייבן די שפייז.

דאס פיסקעלע ביי א וועווערקע איז זייער א שמאלס, דערפאר אבער איז ביי איר די אייבערשטע ליפ געשיצט פ'ן פארוואונדונגען.

די וועווערקע וואלט ניט געווען אימשטאנד צו צעקנאקן א נוס אדער אפצו-שיילן א שישקע, ווען זי זאל עס ניט קענען אנכאפן און צוהאלטן מיט די פאדערשטע פיסלעך, אזוי ווי מיר טוען עס מיט די הענט.

אַזוי ווי די וועווערקע טראָגט צו דאָס עסן צום מויל מיט די פֿאָדערשטע פיס־לעך, איז איר האַלז אַ קורצער (פֿאַרגלייך מיט אַ אָראַנג־אוטאַן).

די וועווערקע און אירע שונאים. מאַרדערס, פוקסן, פאַלקן און סאָוועס לוגן שטענדיק אויף די וועווערקעס; אויך דער מענטש יאָגט זיך נאָך זיי אָן רחמנות צוליב זייערע טייערע פעלכלעך (פֿיי). אגב ברענגט די וועווערקע גרויס שאָדן אונזערע וועלדער, אָפּבייסנדיק די קנאָספּן און שפּראָצונגען, אָפּגריזענדיק די קאָרע און דערהויפּט דורכדעם, וואָס זי צעשטערט די נעסטן פון די פייגל. ווי אַזוי־זשע שיצט זי זיך קעגן אירע פיינד? ערשטנס איז דאָס לעבן אויף דיביימער שוין אַ גוטער שוץ פאַר איר (ווי אַזוי?); ווייטער איז די וועווערקע זייער אַ פלינקע באַשעפעניש.

דער רויטברוינער פעלץ מאַכט איר כמעט אומגעזען אויף דער קאָרע פון סאָסנעס און סכך־ביימער. אין די צפונדיקע לענדער (לאַפּלאַנד, רוסלאַנד, סיביר) ווערט איר פעל אין דעם שנייאיקן ווינטער ווייסגרוי.

פון די אויערן אירע מיט די אויפגעשטעלטע לעפלען, וואָס זיינען באַצירט מיט אַ פרענזעלע האָר, גייט ניט פאַרלוירן דער מינדסטער קלאַנג, און מיט אירע קלוגע אויגן באַקוקט זי שטענדיק און פאָרזיכטיק פון איר הויכער וואַכטע אַרונטער די אַרומיקע געגנט.

מיט דער הילף פון די פאָדערשטע פיסלעך בויט די וועווערקע פון רויטשקעס אַ געשיצטן נעסט, וואָס דינט איר פאַר אַ גוטער באַהעלטעניש.

דער ערגסטער שונא דער וועווערקעס איז דער ווינטער. און ווען ער קומט אָן, נורעט זי זיך איין אין איר וואַרימן נעסט. גוט פאַרשטאָפּנדיק אַלע אַרויסגאַנגען, דער לאַנגער געדיכטער פעלץ דינט איר פאַר אַ וואַרימן ווינטער־בגד. קעגן דעם הונגער האָט זי אין דער געראָטענער זומער־צייט אָפּגעשפּאָרט רייכע זאַפּאַסן מיט שפּייז, וואָס זי האָט אַוועקגעלייגט אין די הוילע שטאַמען פון די ביימער, אונטער זייערע וואָרצלען אָדער גאָר אונטער שטיינער. פונדעסטוועגן קומען אין אַ לאַנגן, שטרענגן ווינטער אום אַ גוזמא וועווערקעס. אַ סך ווערן פאַרטיליקט פון שונאים. די וועווערקעס וואָלטן שוין לאַנג אויסגעראָטן געוואָרן, זיי **פרוכפּערן** זיך אָבער זייער שטאַרק.

אַ נאָענטער קרוב דער וועווערקעס איז דער **אַלפּנפעפער** (אָדער דער אַלפּישער מורמלטיר) וועלכער וואוינט אין די אַלפּן, פירענייען און קאַרפּאַטן, סאַמע ביי דער גרעניץ פון אייביקן שניי (50 ½ סאַנטימעטער אין דער לענג). מיט דער הילף פון זיינע שאַרפע קרעלן אויף די פאָדערשטע פיס גראָבט ער זיך אויס טיפע היילן, וואו דער פראָסט קומט ניט צו. אין די דאָזיקע היילן שלאָפט ער אָפּ אַ 8–10 חדשים נאָכאַנאַנד. דאָ געפינט ער אויך אַ שוץ אין פאַל פון אַ סכנה. אָפּלעבנדיק כמעט זיין גאַנץ לעבן אין די היילן, איז דער אַלפּנפעפער אַ גאַנץ אומגעלומפּערט חיהלע מיט קורצע פיס. אַדאַנק דער שוואַרצברוינער פאַרב פון זיין פעל, באַמערקן אים שווער אפילו אָדלערס און גייערס, וואָס שוועבן איבער אים.

2־טע משפחה. ביבערס.

דער ביבער.

(די לענג פון קערפּער ביז 80 סאַנטימעטער; דער וויידל—30 סאַנטימעטער).

פאַרצייטנס האָט מען דעם ביבער געקענט טרעפן אין גאַנץ אייראָפּע אויף די ברעגן פון די טייכן און אָזערעס, וואָס זיינען אַרומגערינגלט מיט וואַלד. אָבער פאַר זיין טייערן פעלץ האָט מען אים אַזוי פלייסיק געיאָגט, אַז אין אייראָפּע איז ער שוין כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן און טרעפט זיך נאָר זעלטן אין דרום־מערב־רוסלאַנד, ערטערווייז אין דייטשלאַנד און אין סקאַנדינאַוויע. אויך אין סיביר און צפון־אַמעריקע ווערט דער ביבער אָן רחמנות פאַרטיליקט פון דעם מענטשן;

דער ביבער איז אַ וואַסער־חיה, אַזוי ווי דער טייכנהונט. דעריבער איז דער פעלץ ביי אים אויך דורכגעזאַפּט מיט פעטס. דער גוף האָט די געשטאַלט פון אַ קליין. די פינגער אויף די הינטערשטע פיס זיינען פאַרבונדן מיט שווימהייטלעך, דאָס מויל, די נאָז און די אויערן קאָנען זיך פאַרמאַכן.

דער ביבער איז אַ זעלטענער בוימייסטער. מיט די געזונטע קרעלן פון די פאָדערשטע פיס גראָבט ער זיך אויס אַ אונטערערדישע וואוינונג. איין אָדער עטלעכע לאַנגע גאַנגען, וואָס לאָזן זיך אויס אונטערן וואַסערשפּיגל, פירן צו זיין הייל. דאָ רוט דער ביבער בייטאָג. ביינאַכט איז ער פאַרנומען מיט זוכן שפּייז און בויען גאַנץ קונציקע בנינים פון שטאַמען און צווייגן פוןביימער. די געזונטע שניידציין דינען אים דערביי ווי אַ האַק צו האַקן די ביימער. ער נאָגט אַרום דעם בוים אַזוי לאַנג, ביז דער בוים פאַלט אום. די בלעטער און קאָרע, דערהויפּט פון הושענא־ביימלעך, טאָפּאָלעס און אָסינעס זיינען אים צום עסן. ביים נאָגן זעצט ער זיך אַוועק אויף די הינטערשטע פיס, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיין ברייטן וויידל, און אין די פאָדערשטע לאַפּעס האַלט ער פעסט דעם צווייג, וואָס ער וויל אָפּרייסן פון בוים אָדער אָפּנאָגן די קאָרע.

אַ משפחה ביבערס.

דאָרט, וואו די ביבערס לעבן אין גרויסע חברות, בויען זיי אויס אויף אַ פלאַכן אָרט פון טייך אָדער אָזערע גאַנצע ישובים, אָדער—ווי מ׳רופט זיי—ביבער־שלעסער. דאָס זיינען אַזעלכע בערגעלעך, אינווייניק פוסטע, אויסגעבויטע פון שטאַמען און צווייגן. זיי דינען צום וואוינען און צום האַלטן דאָרטן זאַפּאַסן אויף ווינטער.

ווען דאָס וואַסער ווערט אַזוי קליין, אַז די ביבערס קאָנען זיך פריי אין אים ניט באַוועגן, הייבן זיי אויף דאָס וואַסער מיט דער הילף פון אַ דאַמבע (אַ הרעבליע). אַזאַ דאַמבע, וואָס איז טיילמאָל ביז 200 מעטער לאַנג, באַשטייט פון שטאַמען און צווייגן, וועלכע זיינען צונויפגעפלאָכטן צווישן זיך און צונויפגעקלעפּט מיט ליים

שליים וכדומה. די געציילטע ביבערס, וואָס טרעפן זיך נאָך ערגעץ אין אייראָפּע, בויען שוין אָבער ניט אַזעלכע שלעסער און דאַמבעס.

3=טע און 4-טע משפחה. מייז.

דער האַמסטער (30—35 סאַנטימעטער לאַנג) איז אַמאָל געווען אַ כטעפּחיהלע, וואָס איז שפּעטער נאָכגעגאַנגען דעם מענטשן אין זיינע פרוכטבאַרע פעלדער. זיין בונטע, דערהויפּט ברוין=געלע פאַרב איז אים אין סטעפּ געווען אַ גוטע סגולה קעגן שונאים.

דער האַמסטער וואוינט אין היילן, וועלכע ער גראָבט זיך אַליין אויס מיט זיינע שאַרפע קרעלן. שפּייזן שפּייזט ער זיך מיט אַלערליי פרוכטן פון פעלד. ווען עס ווערט אָבער פאַרטיק תבואה, עסט ער נאָר קערנער.

דער האַמסטער

אין זיינע ערדהיילן לייגט ער אָפּ אויף ווינטער גרויסע זאַפּאַסן קערנער, אַרבעס און באָב (אָפּט ביז אַנדערהאַלבן פוד). מיט דער הילף פון זיינע זייער באַוועגלעכע פאָדערשטע פיס, וואָס זעען אויס ווי הענט, בייגט ער איין די שטענגלעך, מיט די שאַרפע שניידציין בייסט ער אָפּ די זאַנגען, שיילט אויס אין מויל די קערנער און מיט דער צונג שטופּט ער זיי אַראָפּ אין זיינע גרויסע **באַקנזעקלעך**. אָבער אויף אַ גאַנץ ווינטער קאָן ער זיך פאָרט ניט איינשאַפן קיין עסנוואַרג. דעריבער פאַרברענגט ער אַ גרויסן טייל פון דער קאַלטער יאָרצייט אין שלאָף. דער האַמסטער פרוכפּערט זיך זייער שטאַרק, דעריבער ברענגט ער די פעלדער גרויס שאָדן.

די שטוביקע מויז און **דער וואַנדער=ראַץ** (פּאַצוק) זיינען די באַקאַנטסטע און פאַרהאַסטסטע נאָגערס. נאָר האַרטע שטיינער און מעטאַלן קאָנען ביישטיין קעגן זייערע שאַרפע ציין, וואָס צעשטערן און צעגריזיען ממש אַלצדינג. דערביי פאַרמערן זיי זיך אומגעהייער גיך. זיי זיינען זייער פלינק און, אַדאַנק זייערע שאַרפע קרעלן, קלעטערן זיי זייער גוט. אין דעם קומט זיי צוניץ דער לאַנגער, ווייניק באַוואַקסענער שופּיקער וויידל. אַדאַנק זייער טונקל געפאַרבטער פעל, קאָן מען זיי אין דער פינסטער אַפילו פון גאָר נאָענט ניט באַמערקן.

דער וואַנדער=ראַץ (פּאַצוק) האָט ערשט אין מיטן 18=טן יאָרהונדערט איינגעוואַנדערט פון אַזיע קיין אייראָפּע. אין אייראָפּע האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דעם שוואַרצן שטוביקן ראַץ. האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. די גרויע ראַצן, וועלכע זיינען שטאַרקער, גרעסער, ווילדער און בייזער, האָבן כמעט אומעטום אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער די שוואַרצע, און אין אַ סך אייראָפּעאישע לענדער, למשל אין דייטשלאַנד, זיינען שוין די שוואַרצע ראַצן אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

די פעלדמויז וואוינט אין פעלדער און וועלדער. אין טרוקענע יאָרן פאַרמערט זי זיך אַזוי שטאַרק, אַז זי ברענגט אָן אַ שיעור שאָדן.

דער וואַסער=ראַץ שווימט זייער גוט און גראָבט זיך אין דער ערד. ער ברענגט שאָדן, צעגריזיענדיק די וואָרצלען פון דיביימער.

דער האָז.

(ביז 75 סאַנטימעטער לאַנג און 30 סאַנטימעטער הויך).

פון אַלע חיות, וואָס באַוואוינען אונזערע פעלדער, ווערט דער האָז געיאָגט מער פאַר אַלעמען. אַלע רויבערישע זויגערס, דאָס רוב רויבערישע פייגל, ראָבן, קראָעס און אפילו סאָראָקעס דערגייען די יאָרן דעם אומבאַשיצטן האָז. דער עיקר אָבער פאַרטיליקט אים דער מענטש פאַר זיין געשמאַקן פלייש. ס'איז אַלזאָ אַ שטיקל חידוש, וואָס דער האָז איז עד=היום ניט אויסגעראָט געוואָרן, און עס פרעגט זיך:

ווי אַזוי שיצט זיך דער האָז קעגן אַזויפיל שונאים?

דער האָז באַמערקט זיינע פיינד נאָך פון ווייטן. זיין ראיה און חוש=הריח זיינען אַפילו גאַנץ שוואַך, דערפאַר אָבער האָט ער אַ אומגעוויינלעך שאַרפן געהער. דער מינדסטער גערויש וועקט אים אויף פון שלאָף. די גרויסע אויער=לעפלען קענען זיך באַוועגן אין אַלע זייטן.

די פאַרב פון זיין פעל שטימט אַזוי מאָדנע מיט דער פאַרב פון באָדן, אַז אַפילו אַ געניטער יעגער גייט אָפט פאַרביי, ניט באַמערקנדיק אים. דעריבער זעט דער האָז ביז דער לעצטער מינוט ניט צו רירן זיך פון אָרט און ליגן שטילינקערהייט. ווען עס איז שוין אָבער אוממעגלעך זיך אויסצובאַהאַלטן, מאַכט ער פליטה.

דער האָז לויפט מיט גרויסע שפרונגען. צוליב דער שלאַנקער געשטאַלט שניידט ער לייכט דורך די לופט. די לאַנגע אויערן פאַרלייגט ער דערביי אַהינטער, זיי זאָלן ניט זיין קיין ווידערשטאַנד פאַר דער לופט. אגב קאָן ער אַזוי=אַרום בעסער געוואָר ווערן, וואָס הינטער אים טוט זיך.

די הינטערשטע פיס ביי דעם האָז זיינען לאַנגע און שטאַרקע, און ווען ער טוט זיי פלוצלונג אַ שטרעק=אויס, ווערט דער קערפער אַוועקגעשליידערט אויף אַ גרויסן מהלך פאָראויס. צוליב זיינע לאַנגע הינטערשטע פיס מוז דער האָז גיין שפרינגענ=דיק. דעריבער איז אים לייכט צו לויפן באַרג=אַרויף. דערפאַר אָבער באַרג=אַראָפ קאָן ער זיך גאַנץ לייכט איבערקוילערן (וואו ליגט דער שווערפונקט פון דעם קערפער?).

דער חוט=השדרה ביי דעם האָז איז זייער אַ בייגעוודיקער (זע די באַשריי=בונג פון אַ קאַץ), און דאָס איז אויך אַ גוטע סגולה צום לויפן. אגב גיט דאָס דעם האָז די מעגלעכקייט לייכט איבערצובייטן די ריכטונג פון זיין לויפן, „מאַכן שלייפן", ווען דער שונא קומט צו צו אים נאָענט.

מיט די פינגער, וואָס זיינען באַוואָפנט מיט שטאַרקע קרעלן, שפאַרט ער זיך ביים שפרינגען איין אין די אומגלאַטיקייטן פון דעם באָדן.

אָבער די אַלע סגולות וואָלטן פאָרט ניט פאַרהיט דעם האָז פון אַ פולקומער פאַרלענדונג, ווען ער וואָלט זיך ניט אַזוי שטאַרק פאַרמערן. די האָזינטע געבוירט 4—5 מאָל אַ יאָר צו 2—5 העזעלעך.

צוליב זיין שוואַכקייט און אומבאַהאָלפנקייט איז דער האָז אַ ציטערדיקע חיה (אַ ציטערדיקער האָז!). ביים טאָג ליגט ער ערגעץ אין אַ זיכערער באַהעלטעניש אָדער אין אַ פלאַכער גרוב, וואָס ער גראָבט זיך אויס מיט זיינע שאַרפע קרעלן.

מיט וואָס אַ האָז שפייזט זיך. די באַליבטסטע מאכלים פאַר אַ האָז זיינען פאַרשיידענע מינים קרויט און ריבן. אָבער ער בראַקירט ניט אויך מיט אַלע אַנדערע פעלד=פרוכטן. ווינטער מוז ער זיך אָפט באַנוגענען מיט טרוקענער קאָרע פון ביימער.

דאַן ברענגט ער שאָדן די פּרוכטיקע ביימער. די ציין ביים האָז זיינען געבויט כמעט
אַזוי ווי ביי דער וועווערקע. די ליפּ איז אויך ביי אים צעשפּאָלטן.
אַזוי ווי דער האָז בייסט אָפּ זיין עסן, דאַרף ער עס ניט האַלטן מיט די
פּאָדערשטע פיס, ווי די וועווערקע. דעריבער זיינען זיי ניט געבויט אַזוי ווי הענט.
אַזעלכע פיס וואָלטן אים נאָר זיין אַ שטער צום לויפן (פאַרוואָס?).

אַנדערע האָזן.

דאָס קיניגל גראָבט זיך אויס ווייט פאַרצווייגטע היילן ערגעץ אויף
זאַמיקע בערגלעך און גייט פון דאָרטן אַרויס נאָר ביינאַכט. צוליב זיין געשמאַקן פלייש
איז עס געוואָרן כמעט אַ שטוביקער בעל־חי. ווען די יונגע קיניגלעך קערן זיך
ווידער אום צו אַ ווילדן לעבנסשטייגער, נעמען זיי שטענדיק ווידער אָן די ערדיקע
שוצפאַרב פון זייערע אורעלטערן. צוליב דער שטאַרקער פרוכפּעריקייט (ביז 60 קינדער
אַ יאָר) און דער גרויסער צערטלעכקייט פון דער מוטער צו דעם יונגן געבירט, פאַר=
שפרייטן זיך די קיניגלעך אָפט אין אַזאַ מאָס, אַז זיי קענען ווערן אַ מכת=מדינה פאַר
דער ערדאַרבעט, אַזוי ווי, למשל, אין אייניקע געגנטן פון אַוסטראַליע.

8=טער סדר. שנוק-חיות.

גרויסע חיות, וואָס זייער נאָז איז אויסגעצויגן אין אַ שנוק. די פיס זיינען ווי זיילן,
די פינגער צונויפגעוואַקסן אין איין מאַסע; די אייבערשטע שניידציין האָבן די פאָרם
פון שטויסציין; קיין רייסציין זיינען ניטאָ, די באַקציין זיינען גרויס.

דער אינדישער העלפאַנד.

(3,5—4-מעטער אין דער הייך).

דער אינדישער העלפאַנד לעבט אין אינדיע און אין אינדאָכינע, ווי אויך אויף
די שכנישע אינזלען ציילאָן, סומאַטרע און באָרנעאָ, דאָרט, וואו עס זיינען נאָך דאָ
געדיכטע וועלדער, וואו קיין מענטשנס פוס האָט נאָך ניט געטראָטן. די זויגערס, וואָס לעבן
אין די דאָזיקע וועלדער, מוזן זיין אָדער בוים=חיות, וואָס לייגן זיך דורך זייער וועג
פון צווייג צו צווייג און פון בוים צו בוים, אָדער קליינע חיהלעך, וואָס קאָנען דורכ=
קריכן אויף דער ערד דורך די געדיכטע פלאַנצונגען, אָדער, אַזוי ווי דער העלפאַנד,
גוואַלדיקע ריזן, וואָס זיינען בכוח דורכצושלאָגן זיך אַ וועג דורך דער וואַלד=געדיכטעניש.

די העלפאַנדן לעבן חברותוויז צו 20—30 שטיק. דער פירער פון אַזאַ מחנה איז
געוויינלעך אַ גרויסער און געזונטער זכר. זוכנדיק שפייז, לאָזן זיי זיך אָפט אַוועק
אין ווייטע נסיעות. דערביי גייען זיי איבער די שמאָלע שטעגלעך, וואָס זיי אַליין
אָדער אַנדערע פון זייער מין האָבן אויסגעטראָטן אין וואַלד. רואיק שפּרייזן די דאָזיקע
ריזן איבערן וואַלד, צעשפּרייטן זיך איינציקווייז צו שטילן זייער הונגער, באָדן זיך
בהרחבהדיק אויס, רוען אָפּ אין דעם שאָטן פון די ביימער. אָבער ווי נאָר זיי דער=
הערן אַ פאַרדעכטיקן שאָרך, לאָזן זיי זיך לויפן, דערביי אָריענטירן זיי זיך אין דעם
געדיכטן וואַלד, אַזוי ווי אין דער היים.

דער גוואַלדיקער, שטייפער, פון די זייטן צונויפגעדריקטער גוף פון דעם
העלפאַנד איז אַ מין משונה=גרויסער קליןֹ, וואָס האַקט פונאַנדער די געדיכטעניש פון
וואַלד. אונטער דעם כוח פון זיין שטויס ווערן צעבראָכן מיטלמעסיק גראָבע ביימער.

און שלענגלדיקע פלאַנצן, ווי אַ האַנט די דיק, ווערן איבערגעריסן. ווי גרויס ס'איז דער כּוח פון אַ העלפאַנד, איז אויך צו זעען דערפון, וואָס אַ צוגעוויינטער העלפאַנד, אַן „ער" קאָן טראָגן אויף זיך אַ משא פון איבער 60 פוד.

מיט זיינע פּ י ס, וואָס האָבן די געשטאַלט פון זיילן און וואָס האַלטן אונטער אַ גוף פון אַ פוד 200, צעטראַמפּלט דער העלפאַנד די נידעריק=געוואַקסענע פלאַנצן. אויף זיינע פיס=זוילן איז פון אויסן קיין פינגער גאָר ניט צו דערקענען; דאָס זיינען אמתע קלעצער, וואָס טרעטן אַיין דעם באָדן און מאַכן אים גלייך.



העלפאַנדן אין אַ וואַלד געדיכטעניש

ד י ה ו י ט ביים העלפאַנד איז גראָב און שטאַרק אַזוי ווי אַ ברעט און פאַרפאַנצערט אים קעגן אַלע דערנער און צווייגן. זי איז כּמעט אינגאַנצן נאַקעט, וואָרים דעם העלפאַנד קומט אויס שטענדיק דורכצושלאָגן זיך דורך די גע=דיכטענישן פון וואַלד, און אויב ער וואָלט געווען באַוואַקסן מיט האָר, וואָלטן זיי סיי=ווי=סיי זיך גיך אויסגעריבן. אָבער טיף אין דער מאַסע פון פאַלבן און קנייטשן איז די הויט אַ סך דינער, און דעם העלפאַנד קומט שטאַרק אויס צו ליידן פון אינסעקטן, וואָס בייסן אים. ראַטעווענדיק זיך פון זיי, האָט ער זיך זייער ליב צו באָדן, וואַלגערט זיך אין בלאָטע און באַשפּריצט זיך מיט וואַסער אָדער זאַמד. די לעפּלען פון זיינע אויערן זעען אויס ווי גרויסע פעלענע שמאַטעס. זיינע קליינע אייגעלעך זיינען גוט געשיצט דורך ברעמען און זיצן טיף אין די אויגנלעכער. דאָס ראַטעוועט זיי פון פאַרוואונדונג צווישן די געדיכטע צווייגן.

ד ע ר ה ע ל פ אַ נ ד—אַ פ ל אַ נ צ נ פ ר ע ס ע ר. אַזאַ משונה=גרויסע חיה, ווי דער העלפאַנד, מוז פאַרברויכן אַ גוזמא עסנוואַרג. דעריבער איז זיין מויל באַוואָפנט מיט ריזעדיקע באַקציין צו צעמאָלן דאָס עסן. אין יעדער קינבאַק איז דאָ פון יעדער זייט נאָר איין באַקצאָן, דערפאַר אָבער איז ער ביז 40 סאַנטימעטער לאַנג און ביז 10 סאַנטימעטער ברייט. אַז די ציין ניצן זיך אָפּ פון לאַנגן געברויך, ווערן זיי פאַר=ביטן דורך אַנדערע, וועלכע וואַקסן אַרויס הינטער די אַלטע, ביז די אַלטע פאַלן אַרויס.

אַזעלכע ריזעדיקע ציין קאָנען זיצן נאָר אין געוואַלדיקע קינבאַקן. אַחוצדעם פאָדערן אויך די שטויסציין אַ פעסטן אָנהאַלט. דעריבער האָט דער העלפאַנד אַזאַ ג ר ו י ס ן ק אָ פּ.

ביי די זויגערס, וואָס דערלאַנגען דאָס עסן פון דער ערד, מוז אָבער דער האַלז זיין גענוג לאַנג, אַז דער מויל זאָל קאָנען אָנרירן די ערד, אָדער די פאָדערשטע פיס דאַרפן זיין אַזוי געבויט, אַז מיט זיי זאָל די חיה קאָנען דאָס עסן צוטראָגן צום

מויל. דער האַלז ביים העלפאַנד איז אָבער אַ קורצער און מיט זיינע פיס ווי די קלעצער קאָן ער אויך ניט צוטראָגן דאָס עסן צום מויל. די דאָזיקע עובדא געהערט דעריבער דער נאָז, וועלכע איז ביים העלפאַנד אויסגעצויגן אין אַ לאַנגן, באַוועגלעכן און צעציעוודיקן שנוק. אויפן שפּיץ נאָז געפינט זיך אַ איבעררביינדל, וואָס האָט די געשטאַלט פון אַ פינגער. מיט דעם דאָזיקן שנוק איז דער העלפאַנד ביכולת אי אויפצוהויבן פון דער ערד די קלענסטע זאַכן אי אויסצורייסן מיטן וואָרצל די שטאַרקסטעביימער. מיט דעם שנוק רייסט ער אויס פון דער ערד בינטלעך גראָז, ברעכט אָפּ צווייגן און בלעטער און טראָגט עס צו צום מויל. מיט דעם שנוק נעמט ער אָן וואַסער און שפּריצט עס אַריין אין מויל אָדער באַגיסט זיך דעם רוקן אַזוי ווי מיט אַ קאַלטן דוש. מיט איין וואָרט — דער שנוק ביי דעם העלפאַנד איז אי אַ נאָז אי אַ פינגער אי אַ האַנט. אָן דעם שנוק וואָלט ער ניט געקענט לעבן.

די ביימער אָדער צווייגן, וואָס דער העלפאַנד וויל אָפּברעכן, כאַפּט ער אָן מיט דעם שנוק און צעברעכט זיי אָן די שטויסציין, אַזוי ווי מיר ברעכן איבער אַ שטיק האָלץ איבער די קני. די שטויסציין זיינען דאָס די פאָדערשטע שניידציין פון דער אייבערשטער קינבאַק, וועלכע שטאַרצן ווייט אַרויס פון מויל; זיי וועגן איבער 3 פּוד. קיין אונטערשטע שניידציין און קיין רייסציין האָט דער העלפאַנד אינגאַנצן ניט.

אַזוי ווי אַלע פלאַנצנפרעסער איז דער העלפאַנד אַ פרידלעכע חיה. מיט זיין שאַרפן חוש-הריח דערשמעקט ער שוין פון וויטן זיינע געפערלעכסטע שונאים — דעם טיגער און דעם מענטשן. ווען דער העלפאַנד שפּיצט-אויף זיינע גרויסע אויערן וואָס זעען אויס ווי פּעכערס, פאַרנעמט ער דעם מינדסטן גערויש. נאָר די ראיה ביי אים איז ניט קיין איבעריקס גוטע. דערפאַר אָבער איז דער טאַפּ-חוש אין דעם שפּיץ פון דעם שנוק אומגעהייער שאַרף. קעגן זיינע שונאים פאַרטיידיקט זיך דער העלפאַנד מיט דעם שנוק און מיט די פיס.

די באַטייטונג פון דעם העלפאַנד פאַר דעם מענטשן. אין די אוראַלטע וועלדער טוט דער העלפאַנד קיינעם קיין שאָדן ניט. דערפאַר אָבער ווען אַ טשערעדע העלפאַנדן כאַפּן זיך אַריין אין אַ פלאַנטאַציע, מאַכן זיי אָן אַ חורבן. פאַר מענטשן מאַכט דער העלפאַנד געוויינלעך אַ ויברח. טאָמער האָט ער אָבער קיין אויס-וועג ניט, שפּרייט ער פונאַנדער זיינע משונה-גרויסע אויערן, לאָזט אַרויס מיטן שנוק אַ קול אַזוי ווי פון אַ טרומייט און לאָזט זיך באַהאַרצט גיין אויף דעם שונא. ער פּלייסט זיך אָנכאַפּן אים מיטן שנוק און צעטראַמפּלען מיט זיינע מוראדיקע פיס.

אין אינדיע איז דער העלפאַנד דעם מענטשנס אַ העלפער. דעריבער הרגעט מען אים דאָרטן ניט, נאָר מ'זעט אים צו כאַפּן לעבעדיקערהייט; ער געוויינט זיך דאַן גיך צו צו דעם מענטשן און מ'באַנוצט אים צו טראָגן שווערע משאות (קלעצער); נאָר זעלטן טויט מען די דאָזיקע קלוגע חיות צוליב די שטויסציין, וואָס גיבן טייערן העלפאַנדביין.

אַנדערש אָבער איז מען זיך נוהג מיט זייערע קרובים, די אַפריקאַנישע העלפאַנדן, וואָס צוליב די דאָזיקע ציין ווערן זיי אָן רחמנות געיאָגט און דער-שאָסן און וועלן אינגיכן מסתמא אינגאַנצן פאַרשווינדן. דער אַפריקאַנישער העלפאַנד, וואוינט אין די וועלדער און סטעפּעס פון טיף אַפריקע. ער האָט נאָך גרעסערע אויערן, ווי דער אינדישער.

פאַרצייטנס, גאָר אַמאָל, האָבן אין די טונדרעס און טאָלן פון צפון-אַזיע געלעבט מאַמאָנטן. דער געדיכטער לאַנגער רויט-ברוינער פעלץ און די דיקע שיכט פעטס

אונטער דער זייער פעסטער הויט האָבן געשיצט די דאָזיקע חיה פון די ביטערע קעלטן, וואָס הערשן אין יענע געגנטן. אַז ס'איז אָנגעקומען דער אַייז=פּעריאָד און די גלעטשערס פון די פּאָלאַרע לענדער האָבן באַדעקט מיט אַייז גאַנץ צפון=אַזיע, האָט דער מאַמאָנט אַראָפּגענידערט צו דרום צו. אַזוי אַרום איז ער צוגעקומען ביז מיטל=אייראָפּע, וואו ער האָט געלעבט אין איין צייט מיט דעם מענטשן. אַ ראיה דערצו האָבן מיר אין די געמעלן אויף די ווענט פון די היילן, וואו דער מענטש האָט אַמאָל געוואוינט, און אין אייניקע אַנדערע זאַכן. די לעצטע צייט געפינט מען אין אייראָפּע גאַנץ אָפּט ביינער און ציין פון אַ מאַמאָנט. אין צפון=סיביר, וואו די שיכט אונטערן באָדן בלייבט אַלעמאָל געפרוירן, האָט מען עטלעכע מאָל געפונען קערפּערס פון מאַמאָנטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט גוט אויפגעהיט.

פון די אַנדערע אויסגעשטאָרבענע ריזן, וואָס זיינען איין משפחה מיטן העלפאַנד, איז צו דערמאָנען די מאַסטאָדאָנטן, וואָס האָבן געהאַט שטויסציין ניט נאָר אין דער אייבערשטער קינבאַק, נאָר אויך אין דער אונטערשטער.

9=טער סדר. צעשפּאָלטנקלויענדיקע אָדער פּאָרפינגערדיקע.

בעלי=חיים, וואָס טרעטן מיט איין פּאָר פינגער – דעם 3=טן און דעם 4=טן (נאָר די בעהעמאָטן טרעטן אויף אַלע פיר פינגער) דער צווייטער; דריטער און פינפטער פינגער זיינען ווייניק אַנטוויקלט אָדער פעלן אינגאַנצן. דער ערשטער פינגער פעלט אַלעמאָל. די שפּיצן פינגער זיינער באַדעקט מיט קלויען (קאָפּיטעס).

1=טע אונטער=אָפּטיילונג. ניט מַעֲלֶה=גֵרָהדיקע פּאָרפינגערדיקע.

האָבן אַלע דריי מינים ציין איןביידע קינבאַקן. די רייסציין זיינען טיילמאָל זייער גרויס און שטאַרק. דאָס עסן זיינען זיי ניט מעלה=גרה. קיין הערנער האָבן זיי ניט. אומנעלומפּעוּיטע חיות. די הויט כמעט אָן האָר אָדער מיט באָרשטיקע האָר. אונטער דער הויט אָפּט אַ דיקע שיכט פעטס.

דער וואַלד=הַזיר.

(די לענג ביז 2 מעטער, די הייך ביז 0,95 מעטער, די וואָג ביז $12\frac{1}{2}$ פּוד).

זומפּיקע געדיכטענישן אין וואַלד, וואָס אַלע אַנדערע זויגערס וויייכן פון דאָרטן, זיינען פאַר דעם וואַלד=חזיר דער באַליבטסטער מקום=מנוחה. דעריבער איז זיין קערפּער געבויט אַנדערש ווי ביי דאָס רוב זויגערס, וואָס לעבן צוזאַמען מיט אים אין וואַלד.

אַזוי ווי דעם העלפאַנד, קומט אויך דעם וואַלד=חזיר אויס דורכצולייגן זיך אַ וועג דורך די געדיכטענישן פון וואַלד. מיט דער הילף פון זיין קאָפּ, וואָס האָט די געשטאַלט פון אַ קאָנוס, און מיט זיין שטייפן, פון ביידע זייטן צונויפגעדריקטן גוף מאַכט ער זיך גיך אַ וועג דאָרט, וואו אַנדערע חיות וואָלטן ניט געקענט דורכקריכן. דערביי שפּאַרט זיך דער וואַלד=חזיר שטאַרק איין אין דער ערד מיט זיינע קורצע, געזונטע פיס, דאָס הייסט, אייגנטלעך, מיט די ביידע מיטלסטע פינגער, וואָס זיינען באַדעקט מיט שטאַרקע האָרנדיקע קלויען.

די דיקע הויט איז אַ גוטע סגולה, ער זאָל זיך ניט צעשטעכן און צעדראַפּען ביים קריכן דורך די געדיכטע קוסטעס און צווייגן.

ווען אַ שעפּס וואָלט זיך געפּרובט דורכקריכן דורך אַזאַ געדיכטעניש, וואָלט ער

זיך אויסגעצופּט די גאַנצע האָר. אָבער די געזונטע באַרשטיקע האָר פון דעם וואַלד־חזיר (חזיר־האָר!) האָבן דערפאַר קיין מורא ניט.

די **קליינע אויגן** מיט די געדיכטע ברעמען ליגן זייער טיף, דעריבער זיינען זיי אויך גוט געשיצט קעגן פאַרוואונדונגען.

דער וואַלד=חזיר — אַ באַוואוינער פון זומפּן. בשעת אַ וואַלד־חזיר שפּרייזט איבער אַ ווייכן באָדן, זינקען זיינע ביידע מיטלסטע פינגער אַ ביסל אײַן אין דעם גרונט. דאַן באַרירן אָבער אויך זיינע ביידע הינטערשטע קירצערע פינגער דעם באָדן. אין אַ זומפּיקן אָרט טרעט אַלזאָ דער וואַלד=חזיר מיט אַ ברייטערן שטח. און דאָס פאַרהיט אים פון אײַנזינקען צו טיף.

אונטער דער הויט ביי דעם וואַלד=חזיר געפינט זיך אַ דיקע שיכט פעטס (חזיר־שמאַלץ). פעטס איז אַ שלעכטער דורכפירער פון וואַרימקייט, דעריבער קאָן זיך דער וואַלד=חזיר שָׂהַנלאַנג וואַלגערן אין זומפּ ניט מורא האָבנדיק פאַר פאַרקילן זיך.



דער פוס פון
א וואַלד=חזיר.

די פאַרב פון דעם וואַלד=חזיר איז גלייך צו דעם קאָליר פון דעם זומפּ, וואו ער וואוינט. ווען ער ליגט אין דער גרוב, וואָס ער האָט אַליין אויסגעגראָבן, קאָן אים לייכט פאַרזעען אַפילו דאָס געניטע אויג פון אַ יעגער. די יונגע חַזירימלעך, וואָס דער וואַלד=חזיר געבוירט זייער אַ סך, זיינען באַדעקט מיט אַ פעל, וואָס איז געפאַרבט אין העלע און טונקעלע פּאַסן.

דער וואַלד=חזיר — אַ אַלצפרעסער. דער חזיר עסט אַלצדינג, וואָס מ׳קאָן נאָר נעמען אין מויל: וואָרצלען, שוואומען אייכלניס (חזיר=ניס!), ניס, וואַלד=קרייטעכער, אָבער אויך כלערליי אינסעקטן, זייערע שלייערלעך, שנעקעס, ווערים, מייז און אפילו — נבלה.

דעריבער זיינען די פיר פאָדערשטע **באַקציין** ביים חזיר מיט שאַרף שניידנדיקע קאַנטן, אַזוי ווי ביי די רויבערישע חיות (פאַרגלייך זיי מיט די ציין פון אַ קאַץ) און די דריי הינטערשטע זיינען ברייט און כמעט מיט אַזעלכע פוקעלעך, ווי ביי די אמתע פלאַנצנפרעסער (פאַרגלייך זיי מיט די ציין פון אַ קו).

די פאָדערשטע ציין — אויבן און אונטן צו 6 — זיינען גרויסע און גוט צוגעפּאַסט אָפּצובייסן קלענערע שטיקער פון גרויסע עסנזאַכן, למשל, פון אַ ריב.

דער וואַלד=חזיר גייט אַרויס פון זיין געדיכטעניש צו זוכן שפּייז דאָס רוב ביי נאַכט. דעריבער איז זיין געהער זייער שאַרף. אַקעגן=זשע, די ראיה איז ביי אים אַ שוואַכע, ווי מ׳קען עס דערקענען אָן זיינע קורצזיכטיקע אויגן. דער שאַרפער חוש=הריח און די גרויסע שפּירעוודיקייט פון זיין שנוק העלפן דעם חזיר צו געפינען אין דער ערד עפּעס צום עסן.

דער וואַלד=חזיר — אַ ערדגראָבער. דער וואַלד=חזיר גראָבט זיך שטענדיק אין דער ערד. ער גראָבט אַרויס וואָרצלען און פלאַנצקנוילן, שלייערלעך פון אינסעקטן וכדומה.

זיין קאָפּ, וואָס האָט די פאָרם פון **אַ לאַנגן פאַרשפּיצטן קליין**, לאָזט זיך אויס מיט אַ שנוק און איז באַוואָפנט מיט זייער געזונטע רייסציין, דינט אים גלייכצייטיג אי אַלס גראָבאײַזן אי אַלס ברעכאײַזן, מיט וועלכן ער הייבט אַרויס

וואָרצלען, וואָס זיינען די גרעב' אַזוי ווי אַ האַנט. די רייסציין דינען דעם וואַלד־חזיר אויך אַלס געווער קעגן זיינע שונאים.

דעם וואַלד־חזירס קרובים.

דער שטוביקער חזיר שטאַמט פון דעם וואַלד־חזיר, וואָס דער מענטש האָט צוגעוויינט און אויסגעהאָדעוועט דורך שטענדיקן אָפּקלייב (אַזוי ווי מיטן הונט). דער שאַרבן ביים שטוביקן חזיר איז קירצער און העכער און די האָר זיינען ניט אַזוי געדיכט און האַרט ווי ביים וואַלד־חזיר, די אויערן מער אַראָפּגעהאַנגענע (פאַרוואָס ?).

דער בעהעמאָט אָדער היפּאָפּאָטאַם (ניל־פערד) לעבט אין די וואַסער־רייכע געגנטן צו דרום פון סאַהאַרע. אַזאַ מגושמדיקער שווערער גוף קאָן זיך באַוועגן גיך און פריי נאָר אין וואַסער (פאַרגלייך מיטן וואַלפיש). די קורצע פיס מיט פינגער וואָס זיינען פאַרבונדן דורך שווימהייטלעך, דינען אים פאַר רודערס און שטייער. די נאָזלעכער, אויערן און אויגן קענען זיך פאַרמאַכן און ליגן הייך אויפן שאַרבן. דער ריבער איז גענוג, אַז דער בעהעמאָט זאָל נאָר אויפהייבן דעם אייבערשטן טייל פון זיין ריזעדיקן קאָפּ איבערן וואַסער, כדי צו עטעמען אָדער באַקוקן, וואָס אַרום טוט זיך. זיין דיקע, דאָס רוב רויט־ברוינע הויט, איז כמעט אינגאַנצן נאַקעט.

פאַרצייטנס האָט דער בעהעמאָט געלעבט אויך אין ארץ־ישראל, אין ירדן, און פאַר די אַמאָליקע יידן איז ער געווען די גרעסטע און שטאַרקסטע חיה. אין תנ"ך (איוב מ׳) ווערט ער באַשריבן אַזוי: „אָט איז דער בהמות, וואָס איך האָב באַשאַפן אַזוי ווי דיך, ער עסט גראָז אַזוי ווי אַ רינד. זיין כוח איז אין זיינע לענדן און זיין קראַפט איז אין די מוסקלען פון זיין בויך. ער באַוועגט זיין ווידל אַזוי ווי אַ צעדערבוים, און זיינע אָדערן זיינען ווי צוויגן צוזאַמענגעפלאָכטן. זיינע ביינער זיינען אַזוי ווי קופּערנע טרויבן, זיינע קנאָכן, ווי אַייזערנע שטאַנגען... ער לייגט זיך אַוועק אין שאָטן פון די ביימער, באַהאַלט זיך צווישן די וואַסערשטעקלעך און לאַנגן גראָז... ער רויבט דעם טייך און אַיילט זיך ניט, ער איז זיכער, אַז ער קען אַריינשעפּן דעם ירדן אין זיין מויל *)

2־טע אָפּטיילונג. מעלה־גרהדיקע פאָרפינגערדיקע.

אין דער אייבערשטער קינבאַק פעלן בדרך־כלל אי די שניידציין אי די רייסציין. דאָס עסן מעלה־גרהן זיי. דאָס רוב מיט הערנער.

1־טע משפחה. פוסטהאָרנדיקע.

דאָס שטוביקע רינד

דאָס שטוביקע רינד שטאַמט פון צוויי מינים ווילדע אָקסן: פון דעם פאַרצייטיקן אויער אָקס (שור־הבר), וועלכער איז שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן, און פון דעם אייראָפּעאישן ביזאָן, וואָס געציילטע שטיק פון אים קאָן מען נאָך זען אין אייניקע

*) דער נאָמען בעהעמאָט (בהמות) שטאַמט אַלוא פון תנך.

זאָאָלאָגישע גערטענער, אין דעם באַרימטן בעלאָוועזשער וואַלד (גראָדנער גוב.) און אין קאַווקאַז.

דאָס שטוביקע רינד האָט זיך אין אַ סך ראַסן (זע הינט) פאַרשפּרייט איבער אַ גרויסן טייל פון דער ערד און איז געוואָרן דער וויכטיקסטער שטוביקער בעל־חי פון דעם מענטשן. אַלע ווייסן, וויפיל נוצן דאָס רינד ברענגט אונז דורך מילך, פל"ש, שמאַלץ, פעל, האָר, הערנער און כוח (רעכן אויס דעם נוץ פון יעדער זאַך באַזונדער; באַשרייב, ווי אַזוי מ'מאַכט קעז און פּוטער).

דאָס רינד — אַ פלאַנצנפרעסער. אַז מיר עסן אויף אַ שטיקל פלייש, זיינען מיר זאַט אַ לענגערע צייט, ווי ווען מיר וואָלטן אויפגעגעסן פּונקט אַזאַ שטיק ברויט אָדער אַן אַנדער מין פלאַנצשטאָף (אויבס, גאָרטנוואַרג וכדומה). דערפון איז געדרונגען, אַז פלאַנצשטאָפן זיינען ניט אַזוי זעטיק ווי פליישיקס. דאָס רינד אָבער נערט זיך נאָר מיט פלאַנצן (וואָס גיבן מיר עסן די שאָף און רינדער?), דערצו נאָך איז עס זייער אַ גרויסער בעל־חי. דעריבער מוז דאָס רינד אויפעסן אַ גוזמא שפּייז, כדי צו ווערן זאַט.

ווען אַזאַ מין באַשעפעניש וואָלט געדאַרפט אָפּבייסן יעדעס גרעזל באַזונדער, וואָלט זי זיך קיינמאָל ניט אָנגעגעסן. אָבער דאָס רינד פליקט אויס דאָס גראָז גאַנצע בינטלעכווייז. מיט איר לאַנגן האַרטן צונג פאַרנעמט זי איין בינטל גראָז נאָכן אַנדערן און ציט עס אַריין אין מויל. די לאַנגע, שאַרפע און קרום געזעצטע שנייד־ציין (8 אין צאָל) פון דער אונטערשטער קינבאַק דריקן צו דאָס אַריינגעכאַפּטע בינטל גראָז צו דעם באַפּוקלטן קאַנט פון דער אייבערשטער קינבאַק, וואָס האָט ניט קיין ציין; איין רוק מיטן קאָפּ — און דאָס בינטל גראָז איז אויסגעפליקט.

דאָס פיטערן זיך געדויערט ביי אַ רינד אַ לאַנגע צייט. דערביי קאָן זיך דאָס רינד ניט אַנידערלייגן (ווי דאָס טוט, אַ שטייגער, אַ רויבעריש־ חיה ביים עסן), נאָר מוז האַלטן אין איין אַרומגיין. דעריבער איז דער שווערער גוף פון רינד באַפעסטיקט אַזוי ווי אויף זיילן אויף שטאַרקע פיס.

די ערד באַרירט דאָס רינד נאָר מיט די שפּיצן פון צוויי פינגער (דעם 3־טן און דעם 4־טן; „פּאָרפינגערדיקער” בעל־חי). די שפּיץ פינגער זיינען באַדעקט מיט פעסטע האָרנדיקע קלויען (קאָפּיטעס), דעריבער קאָן דאָס רינד פעסט זיך איינשפּאַרן אין די אומגלאַטקייטן פון באָדן און קלעטערן אויף די לאָנקעס אין די בערג. פון דעם 2־טן און 5־טן פינגער זיינען (אַזוי ווי ביי אַלע פאָרשטייער פון דער דאָזיגער משפחה) פאַראַן נאָר „רעשטלעך”, וואָס דערלאַנגען ניט ביז צו דער ערד.



דער פוס פון אַ רינד.

די שטאַרקע מוסקלען פון דעם נאַקן דערלויבן דעם רינד צו האַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזטערהייט גאַנצע שעהן נאָכאַנאַנד.

דער האַלז ביים רינד איז אַזוי לאַנג, אַז דאָס מויל דער־גרייכט פריי די ערד. אונטן אויפן האַלז הענגט אַראָפּ אַ הויטפּאַלב, אַ מין גוידער.

אַזוי ווי דאָס רינד פּאַקט אַריין אין זיך אַ גוזמא עסנוואַרג, איז ביי אים זייער אַ גרויסער מאָגן און לאַנגע געדערים (22 מאָל די לענג ווי דער קערפּער; פאַרגלייך מיט די געדערים פון אַ קאַץ).

אין די פלאַנצן זיינען אַלע נערונגס־שטאָפן (קראָכמאָל, צוקער, ווייסל וכדומה)

אײַנגעשלאָסן אין פעסטע הילעס. כּדי די דאָזיקע שטאָפן זאָלן פאַרדייט ווערן, מוזן די דאָזיקע הילעס צעשטערט ווערן; דעריבער מוז דאָס רינד וואָס דינער צערייבן די געוויקסן, וואָס זי עסט (פאַרגלייך מיט דעם הונט, וועלכער דערשלינגט אַ צוגעוואָרפענעם ביסן ניטצעקייטערהייט).

ביים קייען באַוועגט דעריבער דאָס רינד די אונטערשטע קינבאַק הין און צוריק (אַזוי ווי אַ מילשטיין). און דעריבער האָבן אויך די באַקציין ביים רינד ברייטע פלאַכע קריינדעלעך מיט טעמפּע, האַלב־קיילעכדיקע פוקעלעך (אַזוי ווי אַ מילשטיין).

כּדי דאָס רינד זאָל גוט קענען צעמאָלן דאָס עסן מיט די ציין, מוזן די ציין האָבן אַ וואָס גרעסערן אייבערפלאַך. דעריבער זיינען די באַקציין ביי אַ רינד גרויסע און זייער אַ סך: צו 6 פון יעדער זייט, אויבן און אונטן.

אַזויפיל ציין קאָנען געפינען פלאַץ נאָר אין זייער גרויסע קינבאַקן. דערפון איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער קאָפּ ביי אַ רינד איז אַזוי שטאַרק אויסגעצויגן אין דער לענג.

קיין רייסציין האָט דאָס רינד ניט, און צווישן די שניידציין און באַקציין בלייבט אַ גרויסער בלויז. וואָרים די גרויסע און שאַרפע רייסציין, וואָס די פאַרצוקערס האָבן, זיינען דעם רינד אַ איבעריקע זאַך.

וואָס לענגער און וואָס אינטענסיווער דער מענטש געפינט זיך אין באַוועגונג, אַלץ מער שפּייז מוז ער אריינגעמען אין זיך, כּדי צו באַנייען די פאַרלוירענע כּוחות; וואָס לענגער ער רוט, אַלץ ווייניקער כּוחות פאַרלירט ער און אַלץ ווייניקער שפּייז דאַרף ער האָבן. די זעלביקע זאַך איז מיט די בעלי־חיים. ווען דאָס רינד וואָלט דאָס עסן צעמאָלן תּיכף ביים פיטערן זיך אַזוי דין, ווי עס איז נייטיק, וואָלט אים אויסגעקומען אָפּצושטיין אויף די פיס אָדער אַרומגיין אין פעלד נאָך לענגער, ווי איצט. אָבער דער מאָגן ביים רינד איז געבויט אַזוי אויסטערליש, אַז דאָס רינד קאָן דערשלינגען דאָס עסן ניטצעקייטערהייט און דערנאָכדעם, ביים אָפּרוען, עס אַרויסגרעפּצן און איבערקייען — מעלה־גרה. דאָס פאַרשפּאָרט דעם רינד אַ סך כּוח און במילא דאַרף עס אויך האָבן ווייניקער שפּייז (אַז מ׳וויל אָפּשטאָפּן אַ בעל־חי, דאַרף מען אים ניט לאָזן צו פיל באַוועגן זיך).

דאָס גראָב צעקייטע פיטערוואַרג קומט אַריין דורך דעם וויַשט (שפּייזרער) אין דער ערשטער, זייער גרויסער אָפּטיילונג פון דעם מאָגן — אין דעם ערשטן מאָגן (פליאַקע), און פון דאַנען אין דער צווייטער אָפּטיילונג — אין דעם נעץ־מאָגן (פאַרוואָס הייסט עס אַזוי?) (טשעפּ־



דער מאָגן פון אַ רינד

טשיכע). אַז דאָס רינד האָט אויפגעגעסן גענוג פיטערוואַרג, לייגט עס זיך אַנידער רוען. די צעווייקטע שפּייז שטייגט דאַן אַרויף שטיקערווייז פון נעץ־מאָגן אין מויל אַריין און דאָס רינד

צעקייט עס נאָכאַמאָל, אָבער שוין זייער גוט. דערנאָך שלינגט דאָס רינד ווידער אַראָפּ די שפּייז; אָבער איצט קומט שוין די שפּייז גלייך אַריין אין דער דריטער אָפּטיילונג — דעם בלעטער-מאָגן (דערקלערט דעם נאָמען!). רעכט פאַרדייט ווערט דאָס עסן ערשט אין דער פערטער אָפּטיילונג—אין דעם לאַב-מאָגן אָדער סתּם מאָגן.

די רינדער און זייערע שונאים. פאַר חיות האָבן אונזערע שטענדיקע רינדער איבעריקס ניט וואָס מורא צו האָבן; אַנדערש שטייט אָבער די זאַך מיט די פאַרווילדערטע אָדער האַלב-ווילדע רינדער, למשל, אין די דרום-אַמעריקאַנישע אָדער אונגאַרישע סטעפּעס.

אַדאַנק זייערע שאַרפע חושים באַמערקן זיי דעם שונא שוין פון ווייטן. די נאָזלעכער ביי זיי זיינען ברייטע און פייכטע אַזוי ווי ביים הונט, די לעפּלען פון די אויערן אין דער געשטאַלט פון שקאַרמיצלעך, די גרויסע אויגן — שאַרפזיכטיק. אַקעגן־זשע, אונזערע רינדער האָבן פאַרלוירן די שאַרפקייט פון זייערע חושים (פאַרוואָס?). נאָר אַ הויש-הריח האָבן זיי אַ שאַרפן — צו קאָנען אַנטדעקן זייער ערגסטן שונא — די גיפטיקע געוויקסן.

פאַרווילדערטע און האַלב-ווילדע רינדער זיינען שנעלפיסיקע באַשעפענישן.

צום פאַרטיידיקן זיך דינען דעם רינד די הערנער. זיי זיינען פוסטע און טוען זיך אָן אַזוי ווי שיידלעך אויף די צוויי צאַפּנס פון דעם שטערנביין (דערפאַר הייסן די פאַרשטייער פון דעם דאָזיקן סדר — פּוסטהאָרנדיקע). די ביינער פון אַ רינדער־נעם שאַרבן זיינען זייער דיקע און קאָנען אויסהאַלטן די גרעסטע זעץ, וואָס דאָס רינד דערלאַנגט מיט די הערנער. די מוסקלען פון דעם נאַקן ביי אַ רינד זיינען אַנטוויקלט זייער שטאַרק, און זיין גאַנצער כוח ליגט אין נאַקן. דעריבער זיינען די הערנער פאַר אַ רינד אַ גאַנץ גוט געווער. צוליב דעם אויך איז ביים איינשפּאַנען אַ רינד אין אַ אַקעראייזן אָדער אַ וואָגן באַפעסטיקט מען אים די יאָך צום שטערן אָדער צו די הערנער.

קליינע, אָבער ביטערע שונאים פון די רינדער זיינען די פליגן. די רינדער פאַרטרייבן זיי מיט זייער לאַנגן וויידל.

אַנדערע פּוסטהאָרנדיקע.

גאָכן רינד זיינען דער שעפּס און די ציג די וויכטיקסטע שטוביקע בעלי־חיים צווישן די מעלה-גרהדיקע (באַשרייבט דעם בוי פון זייער קערפּער און דעם נוץ, וואָס זיי ברענגען דעם מענטשן). די אורעלטערן פון די ביידע בעלי־חיים האָבן פאַר־צייטנס געוואוינט אין פעלזיקע בערג און פון זיי האָבן די שעפּסן און ציגן געירשנט די פעאיקייט צו קלעטערן אויף בערג און באַנוגענען זיך אין עסנזאַכן מיט אַבי־וואָס.

אין אינדיע און מזרח-אַפריקע איז איינער פון די וויכטיקסטע שטוביקע בעלי־חיים דער זעבו (אינדישער אָקס). ער גיט דעם מענטשן פלייש און מילך און דינט אויך צום אַרבעטן און צום פאָרן. דער זעבו הייסט אויך הויקער-אָקס, ווייל אויפן רוקן האָט ער אַ הויקער, וואָס איז אָנגעפילט מיט פעטס.

די רינדער, וואָס זייערע הערנער זיצן אויפן שאַרבן ניט ווייט פון די אויגנ־לעכער און זיינען אין די וואָרצלען שטאַרק פאַרגרעבערט, הייסן בופלאָקסן.

דער פּשוטער אָדער אַזיאַטישער בופלאָקס ווערט אין אינדיע, אַרם־נהרים, סיריע, מצרים און דרום-אייראָפּע געהאַלטן צום אַרבעטן. ער האָט זייער ליב זומפּיקע ערטער, דעריבער קומט ער שטאַרק צו ניץ ביי דער קולטור פון רייז.

דער אַמעריקאַנער ביזאָן אָדער סתם **בופלאָקס** איז פריער געווען אומגעהייער פאַרשפרייט אין די פּליינען פון צפון=אַמעריקע. איצט איז ער שוין כמעט אינגאַנצן פאַרטיליקט געוואָרן פון די אייראָפּעער, און דאָס ביסל איבערגעבליבענע האַלטן זיך אויף אין יאָלסטאָנער פּאַרק. ביי דעם ביזאָן איז דער פאָדערשטער טייל קערפּער זייער אויפגעהויבן און באַדעקט מיט אַ גריווע. דער מעכטיקער קאָפּ איז באַדעקט מיט קורצע, ווייט אָפּשטייענדיקע הערנער.

די אַנטילאָפּעס באַוואוינען דערהויפּט די סטעפּעס און מדבריות פון אַפריקע. די באַקאַנטסטע אַפריקאַנישע אַנטילאָפּע איז **די גאַזעלע**, וואָס איז אין געשטאַלט ענלעך אויף דער ווילדער ציג, נאָר אַ ביסל קלענער. די פאַרב פון איר פעל שטימט אַזוי ווייט מיט דעם קאָליר פון דער מדבר, אַז אַפילו דאָס שאַרפע אויג פון די איינגעבוירענע וועט זי קוים קענען באַמערקן, ווען זי רוט צוטוליענדיק זיך ערגעץ צו אַ שטיין. אַדאַנק איר שלאַנקן לייב און די לאַנגע, דינע, אָבער קרעפטיקע פיס, איז די גאַזעלע לייכט ווי דער ווינט און קאָן געפינען פאַר זיך שפּייז אַפילו אין די געגנטן פון איר היימלאַנד (צפון=אַפריקע, אַראַביע, סיריע, ארץ=ישראל), וועלכע זיינען אָרים אין פיטערוואַרג. דאָס גיט איר אויך די מעגלעכקייט צו אַנטרינען פון אירע פילצאָליקע, גיכפיסיקע שונאים (לעמפּערטן, שאַקאַלן א. אַנד.).

די איינציקע אייראָפּעאישע אַנטילאָפּע איז די **סאַרנע** אָדער די **געמזע**. זי וואוינט אין די בערג און איז אַן אמתע בערג-חיה. פעלזן, צו וועלכע דער מענטש קאָן ניט צוקומען, דערלאַנגט זי אַזוי ווי פליענדיקערהייט. אַן ארויסשטאַרץ, די ברייט אַזוי ווי אַ האַנט, איז פאַר איר גענוג אַלס אָנהאַלט פאַר אירע פיס. אויף גלייך שטייענדיקע ווענט, די הייך ביז 4 מעטער, כאַפּט זי זיך אַרויף פונקט אַזוי לייכט, ווי לייכט זי שפּרינגט אַריבער בערג=שפּאַלטן ביז 7 מעטער די ברייט. אַזאַ פלינקייט האָט זי צו פאַרדאַנקן איר קורצן צונויפגעשטייפטן גוף, די לאַנגע, שטאַרקע פיס און די דיקע, ווייט צעשפּרייזטע קאָפּיטעס, וועלכע זיינען דערצו נאָך אויסגעהוילט פון אונטן און האָבן שאַרפע קאַנטן. אירע זייער שאַרפע, אַהינטער פאַרבויגענע הערנער זיינען אַ גאַנץ גוט געווער. איר ברוינע און דינע זומערדיקע פעל גייט מיט דעם אָנקומען פון קאַלטע וועטערן ביסלעכווייז איבער אין אַ העלערן, געדיכטן און לאַנגהאָריקן ווינטער=פעלץ (וואָס פאַר אַ באַטייטונג האָט עס?).

2-טע משפּחה. הערשנהאָרנדיקע מעלהג-רהער אָדער הירשן. די אינד אָדער די ווילדע ציג.

אַזוי ווי אַלע פלאַנצנפרעסערס איז **די אינד** די נאַטירלעכע רויב פון די גרעסערע פאַרצוקערס. אָבער אין אייראָפּע איז איר גרעסטער שונא דער מענטש, הגם אירע יונגע ציקעלעך פאַלן אָפט אַ קרבן פון די פוקסן און בלוטדאָרשטיקע מאַרדערס.

ווי אַזוי זשע שיצט זיך די אינד קעגן אירע שונאים?

זומער ליגט זי אַ גאַנצן טאָג פאַרבאָרגן אין דעם געדיכט באַבלעטערטן אונטער=וועלדל *) פון וואַלד. ווינטער אָבער, ווען די ביימלעך און קוסטעס שטייען הויל, האָט זי שוין ניט דעם דאָזיקן שוץ. דאַן אָבער גייט די רויטע אָדער געל=רויטע פאַרב

*) **אונטערוועלדל** הייסן די יונגע ביימלעך און קוסטעס, וואָס וואַקסן אויס אונטער די אַלטע ביימער.

פון איר פעל אַריבער אין טונקל־גרוי, צום קאָליר פון דעם וואַלד־באָדן. די פעל פון די ציקעלעך, וואָס געפינען זיך אין דער גרעסטער סכנה, איז אויסגעזייט מיט העלע פלעקן, אַזוי ווי דער באָדן פון וואַלד מיט העלערע און טינקעלערע פּאַרטריקנטע בלעטער.

מיט איר שאַרפן חוש־הריח דערשפּירט די אינד דעם שונא נאָך פון ווייטן (די נאָזלעכער ביי איר זיינען ברייטע און פייכטע אַזוי ווי ביים הונט). די אויערן הערן זעלטן פיין. די לעפלען פון די אויערן זיינען זייער באַוועגלעך, און די אינד קערט זיי אין דער זייט, פון וואַנען עס קומט דער גערויש. לויפנדיק, פּאַרלייגט זי, אַזוי ווי אַלע פלאַנצנפרעסערס, די אויערן אַהינטער (פּאַרוואָס?). אירע גרויסע און לעבעדיקע אויגן ווייזן אויף איר שאַרפער ראיה.

קוים האָט די אינד באַמערקט דעם פיינד, לאָזט זי זיך גלייך לויפן. דערביי ווייזט זי זיך אַרויס אַלס געשווינטע שפּרינגערין.

דער גוף ביי דער אינד איז אַ דינער און אַ שלאַנקער, און דעם קאָפּ שטרעקט זי ביים לויפן אויס פאָראויס, דעריבער שניידט זי לייכט דורך די לופט.

פיס האָט זי פיינע, לייכטע און לאַנגע. געבויט זיינען זיי אַזוי ווי ביי דעם רינד. די שפּיציקע, האַרטע קלויען מיט די שאַרפע קאַנטן דינען דער „זי״ אַלס גוטע געווער קעגן די רויבער פון אירע קינדער.

די הערנער פון די זכרים זיינען אַ געפערלעך געווער סיי קעגן די זכרים פון דעם אייגענעם מין, סיי קעגן די שונאים; אַפילו אַ מענטש קאָן פון די דאָזיקע הערנער שטאַרק צעמזיקט ווערן.

ווען דער ערשטער ווינטער פון דער אינדס לעבן גייט צום סוף, וואַקסן ביי איר אויס אויף דעם שטערנביין צוויי ביינערנע צאַפּנס, וואָס בלייבן שוין אויפן גאַנצן לעבן. דעם קומענדיקן פרילינג וואַקסן אויס אויף די שפּיצן פון די דאָזיקע צאַפּנס צוויי הערנער, אַזוי ווי שפּיזן, וועלכע זיינען באַדעקט מיט אַ סאַמעטענער הויט. לכתחילה זענען די הערנער ווייך, אָבער ביסלעכוויז ווערן זיי אַלץ מער פאַרהאַרטעוועט אין אמתע מאַסיווע ביינערנע הערנער. די הויט אויף זיי ווערט פאַרטריקנט און אָפּגעקראַצט אָן די שטאַמען פון די ביימער. דעם קומנדיקן האַרבסט ווערט דער אָרט, וואו די הערנער זיצן אויף די צאַפּנס, ווייך און די הערנער פאַלן אַראָפּ. פרילינג וואַקסן אויף דעם אייגענעם אָרט אויס נייע הערנער, אָבער זיי האָבן שוין צו איין צווייגל ביי די זייטן, אַזוי, אַז זיי זייען אויס ווי גאָפּלען. איבעראַיאָר וואַקסן אָנשטאָט זיי אויס נייע הערנער, אָבער שוין מיט נאָך אַ פּאָר צווייגלעך, אַזוי אַז די הערנער זיינען שוין דריישפּיציק. אַלס יוצא־מן־הכלל קאָנען זיך אויך אַנטוויקלען פירשפּיציקע און אַפילו פינפשפּיציקע הערנער.

אַנטקעגן אַ רויבערישער חיה איז די אינד גאַנץ אומבאַשיצט. דעריבער איז זי פּאָרזיכטיק און שרעקעדיק. נאָר ווען עס פאַלט צו די נאַכט, פאַרלאָזט זי דעם וואַלד און גייט אַרויס זיך אַ פּיטער טאָן אין די זאַפטיקע פעלדער.

אַחוץ די נוציקע פעלד־פלאַנצן עסט די אינד די בלעטער פון אַלערליי ביימער, די קנאָספּן פון די נאָדל־ביימער, גרעזער, ניס פון דעמבעס און בוקנביימער א. אז. וו. און דער שאָדן, וואָס זי ברענגט דורכדעם דעם ערדאַרבעטער און וואַלדמאַן, איז אַ סך גרעסער ווי דער נוץ, וואָס מ׳האָט פון איר פלייש, הערנער און פעל.

אַנדערע מינים הירשן.

דער איידעלער הירש, וואָס ווערט אַמאָל אָנגערופן „דער מלך פון אונזערע וועלדער", האָט באַקומען זיין נאָמען פאַר זיין גרייס און איידעלער געשטאַלט, פאַר זיין כּוח און געשווינטקייט, פאַר זיין האַלז, וואָס איז באַצירט מיט אַ גריווע, און פאַר די גרויסאַרטיקע הערנער, וואָס באַצירן דעם קאָפּ פון דעם זכר. דער איידעלער הירש מיידט אויס וועלדער מיט אונטערוועלדלעך, וואָרים דאָרטן וואָלטן אים זיינע גרויסע צווייגהאַפטיקע הערנער געווען אַ שטער. זיין ליבסטער מקום זיינען דעריבער די וועלדער מיט הויכגעוואַקסענע ביימער, באַזונדערס אין די בערג. ער לעבט אַזוי ווי די הינד, אָבער שאָדן ברענגט ער נאָך מער.

דער דאַמהירש — שטאַמט פון דרום=אייראָפּע; אין מיטלאייראָפּע האַלט מען אים גערן אין די זאָאָלאָגישע גערטענער. דער קאָפּ פון דעם זכר איז באַפּוצט מיט פלאַכע הערנער, אַזוי ווי שופלען.

דער צפונדיקער הירש איז אַן עכט קינד פון צפון. די טונקעלערע און לייכטערע זומערדיקע פעל פאַרוואַנדלט זיך צו ווינטער=צו אין אַ העלערן געדיכטן פעלץ (וואָס פאַר אַ באַטייטונג האָט עס פאַר אים?). די ברייטע, טיף געשפּאָלטענע קלויען און די גרויסע הינטערשטע פינגער, וואָס דערגרייכן ביז צו דער ערד, גיבן דעם הירש די מעגלעכקייט פריי צו שפּרייזן איבער די טונדרעס און שנייאיקע פליינען פון זיין היימלאַנד, ניט איינזינקענדיק אין שניי. אין עסן איז דער דאָזיקער הירש גאָר קיין איבערקלייבער ניט. זיין הויפּט=שפּייז, דערהויפּט ווינטערצייט, איז דער אַזויגערופענער הירשנמאָך, וועלכן ער שאַרט אַרויס פון אונטערן שניי. אויך די „זי" פון דעם הירש האָט הערנער.



דער צפונדיקער הירש

די איינוואוינער פון די צפונדיקע לענדער האָבן צוגעוויינט די הירשן און האַלטן זיי אין גרויסע טשערעדעס, ווי שטוביקע בעלי=חיים. פאַר אַ צפון=מענטשן איז דער הירש אַלצדינג. אויף אים פאָרט ער אַריבער אין לייכטע שליטנס די אומענדלעכע שנייפעלדער פון זיין לאַנד; מיט די הירשענע פעלן דעקט ער זיין יורטע (געצעלט) און מאַכט דערפון קליידער און שוכוואַרג; דאָס פלייש, די מילך און דאָס בלוט פון דעם הירש זיינען זיינע וויכטיקסטע מאכלים; פון די אָדערן מאַכט ער פאָדים צום נייען, פון די געדערים שטריק צום בינדן, פון די ביינער און הערנער מכשירים צום כאַפּן פיש און אַנדערע כּלים.

3=טע משפּחה. די זשיראַפע.

(די הייך ביז די פּלייצעס 3 מעטער).

די היים פון דער זשיראַפע זיינען די סטעפּעס פון מיטל=און דרום=אַפריקע. דער

משונה=לאַנגער האַלז, וואָס טראָגט דעם קליינעם קאָפּ 5—6 מעטער הייך איבער דער ערד, דער גוף, וואָס איז שטאַרק משופּעדיק אַהינטער, און די פאַרב פון דער פעל (געל מיט ברוינע פלעקן) גיבן צו דער זשיראַפע זייער אַ אויסטערליש אויסזען. הגם איר האַלז איז פּונקט אַזוי לאַנג ווי די פאָדערשטע פיס, פונדעסטוועגן קען די זשיראַפע דערלאַנגען פון דער ערד עסן אָדער טרינקען ניט אַנדערש ווי צעשפּרייטנדיק ברייט די פאָדערשטע פיס. דעריבער שפּייזט זי זיך דאָס רוב מיט צווייגן און בלעטער פון ביימער, אַריינ=ציענדיק זיי אין מויל אַריין מיט איר לאַנגער וואָרימפּאָרמיקער צונג. אַדאַנק די לאַנגע פיס לויפט די זשיראַפע זייער גיך און דאָס גיט איר אַ מעגלעכקייט צו אַנט=רינען פון אירע פיינד.

די זשיראַפע

4=טע משפחה. קעמלען.

דער איינהויקערדיקער קעמל אָדער דראָמאַדער.

(די הייך ביז די פּלייצעס 2—2,25 מעטער).

דעם קעמלס היימלאַנד און זיין באַטייטונג פאַר דעם מענטשן. פון קדמונים אָן איז דער קעמל געווען אַן אומפאַרבייטלעכער העלפער פאַר דעם מענטשן אין אַזיע, פון ים-התיכון ביז אינדיע, און אין גאַנץ צפון-אַפריקע. שוין אין חומש ווערט ער זייער אָפט דערמאָנט. די גרויסע וויסטע סטעפּ=געגנטן דאָרטן, וואָס זיינען אַזוי אָרים אין וואַסער און פלאַנצן, זיינען באַוואוינט דורך דעם מענטשן נאָר אַדאַנק דעם קעמל; וואָרים דער קעמל גיט זיין באַלעבאָס אַלצדינג, וואָס איז נייטיק צום לעבן: פלייש, מילך, פעטס, פעל און האָר; אַפילו זיין קויט קומט צוניץ — אַלס ברענ=מאַטעריאַל. נאָר מיט דער הילף פון דעם קעמל קאָן מען דורכרייזן די וויסטע זאַמדיקע און שטייניקע מדבריות און איבערפירן סחורות פון איין ברעג ים צום אַנדערן. דערי=בער הייסט דער קעמל ביי די אַראַבער „די שיף פון דער מדבר".

דער קעמל, די שיף פון דער מדבר. אָנגעלאָדן מיט שווערע משאות, שפּרייזן די קעמלען איבער דער מדבר. זיי זיינען גרויסע און שטאַרקע ברואים און קענען שלעפּן אויף זיך ביז 400 קילאָגראַם; אָבער ביי לאַנגע נסיעות דורך דער מדבר לייגט מען אויף זיי אַרויף נאָר אַ 150 קילאָגראַם.

די פינגער ביים קעמל זיינען איינגעבעט, אַזוי ווי אין קישעלעך, אין אַ ברייטער מאָזאָליעדיקער זויל. אַדאַנק דעם קאָן דער קעמל שפּרייזן איבער דעם שיטעוודיקן, שאַרפשניידנדיקן און הייס=אָנגעגליטן זאַמד, ניט איינזינקענדיק אין דעם.

די האָרנדיקע גוזן, וואָס געפינען זיך אויף דער ברוסט, אויף די קני און אויף די פּיאַטעס, שיצן דעם קעמל פון דעם שאַרפן און אָנגעגליטן זאַמד, ווען ער לייגט זיך אַוועק.

בשעת דער קעמל הויערט אויף דער ערד, אויסגעצויגן דעם האַלז און דעם קאָפּ, לאָזט זיך דער געלער אָדער ברוינער קאָליר פון זיין פעל קוים אונטערשיידן פון דעם זאַמד, אַפילו אויף אַ קורצן מהלך.

דער קעמל באַנוגנט זיך מיט זייער ווייניק. אַ פּאָר הויפן קערנער אָדער באָב באַקומט ער צו עסן אויף אַ גאַנצן טאָג (די, וואָס ציען דורך דער מדבר, קענען ניט נעמען מיט זיך צופיל פּראָוויאַנט), און דאָס איבעריקע, וואָס אים דער= גייט ניט, מוז ער זיך אַליין אויסזוכן. קיינער פון אונזערע שטובּיקע בעלי=חיים וואָלט ניט געקענט עסן די שטעכיקע אָדער דערנעריקע פלאַנצן פון דער מדבר (פאַרוואָס ?). דער קעמל אָבער עסט זיי מיט דער גרעסטער הנאה, וואָרים די ליפּן דער גומען און די צונג זיינען ביי אים באַדעקט מיט אַ האַרטער הויט און זיינען מאָדנע ניט שפּירעוודיק.

ביים צעקייען די דאָזיקע האַרטע שפּייז קומען דעם קעמל שטאַרק צוניץ זיינע געזונטע ציין.

ניט קוקנדיק אויף זיינע לאַנגע פיס, קען דער קעמל דערלאַנגען דאָס עסן פון דער ערד און אָפּרייסן עס פון די ביימער אַדאַנק זיין לאַנגן האַלז.

פונדעסטוועגן וואָלט דער קעמל ניט געקענט אָפּקומען מיט אַזאַ קאַרגער שפּייז, ווען ער זאָל ניט געווען האָבּן זיין הויקער, וואָס איז אָנגעפילט מיט פעטס. דערמיט נערט זיך דער קעמל בשעת זיינע נסיעות דורך דער מדבר.

קיינער פון אונזערע שטובּיקע בעלי=חיים וואָלט ניט געקענט דורכגיין דעם מדבר — ער וואָלט אויסגיין פאַר דאָרשט דער קעמל אָבער קען אַפילו ביי דער גרע= סטער היץ אויסקומען טעג נאָכאַנאַנד אָן טרינקען, און ווען ער האָט צום עסן זאַפטיקע פלאַנ= צונגען — איז אַפילו גאַנצע וואָכן. דאָס איז דערפאַר, וואָס אין די ווענטלעך פון זיין פליאַקע געפינען זיך פאַרטיפונגען, וואו דאָס וואַסער האַלט זיך אַ לאַנגע צייט, און דער קעמל ניצט עס צו ביסלעך. דערפאַר אָבער קומענדיק צו אַ וואַסער=קוואַל, טרינקט ער זיך שוין אָן איינמאָל פאַר אַלעמאָל.

קעמלען אין אַ אָאַזיס

דורכגיין דעם מדבר, וואָס איז אַזוי אָרים אין געוויקסן און וואַסער, קען נאָר אַ גיכע חיה (פאַרוואָס ?); מיט זיינע לאַנגע פיס מאַכט דער קעמל זייער גרויסע שפּרייזן און שפּאַנט זייער גיך פאָראויס. דערביי איז ער זייער אויסהאַלטעוודיק און ווערט ניט מיד אַ לאַנגע צייט.

דער מדבר איז פול מיט סכנות. צוליב זיין גרייס קען דער קעמל אַרומנע= מען מיטן אויג זייער אַ גרויסן שטח און ער באַמערקט דעם פיינד פון אַ וייטן מהלך. זיין שאַרפער חוש=הריח דערשפּירט אַ קוואַל נאָך פאַר עטלעכע קילאָ= מעטער און ווען עס דערנעענטערט זיך אַ סאַמום, דערפילט ער עס אַ סך פריער פאַר די רייזנדער. דאַן פאַרטאָפּלט ער זיינע טריט, כדי וואָס גיכער אָנצוקומען אין אַ גע= שיצטן אָרט. דערמיט האָט ער שוין ניט איינמאָל מציל געווען זיין באַלעבאָס פון טויט.

קרובים.

די באַטייטונג, וואָס דער דראָמאַדער האָט פאַר די לענדער פון מערב־אַזיע און צפון־אַפריקע, האָט דער צווייהויקערדיקער קעמל פאַר די איינוואוינער פון די וויסטע סטעפּעס אין מיטל־און מזרח־אַזיע. אַדאַנק זיין דיקער פעל, קען ער בייי־שטיין אַפילו קעגן די מוראדיקע שניי־וויכערס פון יענע געגענטן. זיין בעסטער מאכל זיינען זאַלצפלאַנצן, דעריבער גיט ער אַ מעגלעכקייט דעם מענטשן צו באַוואוינען אַפילו די סאַמע טרויעריקע סטעפּעס.

אין די באַרגיקע לענדער פון דרום־אַמעריקע פאַרבייט דעם קעמל — די לאַמע. דאָס איז דער וויכטיקסטער שטוביקער בעל־חי פאַר די אײַנוואוינער אין די אַנדן. די לאַמע איז נאָר עטוואָס גרעסער פאַר אַן אייזל און ווערט שוין פון לאַנגע צייטן אָן באַנוצט אויף אַריבערצוטראָגן משאות דורך די בערג. די וואָל פון דער לאַמע גייט אויף געוועבן.

10־טער סדר. אומגראָדפינגערדיקע.

די אומגראָדפינגעודיקע בעלי־חיים טרעטן מיט אַ אומגראָדער צאָל פינגער (דריי, פינף אָדער איינעם), באַדעקטע מיט קאָפּיטעס. דער דריטער פינגער איז אַלעמאָל דער שטאַרקסטער. די פינגער, וואָס באַרירן ניט די ערד, זיינען קליין אָדער פעלן אינגאַנצן.

1־טע משפּחה. פערד.

דער פערד — דעם מענטשנס אַ העלפער. מער ווי אַלע אַנדערע חיות ניצט דער מענטש דעם פערד צום רייטן, צום פאָרן און צום שלעפּן משאות. דער פערד איז דעם מענטשן אַן אמתער פריינד און אַ אומפאַרבייטלעכער העלפער (ברענגט ראיות דערצו!). אפילו נאָכן טויט קומען אַלע טיילן פון זיין קערפּער שטאַרק אונז צו־ניץ (אויף וואָס פאַרטוט מען דעם פערדס פלייש, פעל, פעטס, האָר, ביינער?).

דער מענטש האָט באַשטימט דעם פערד פאַר פאַרשיידענע אַרבעטן און האָט דעריבער אויפגעהאָדעוועט פאַרשיידענע ראַסן פערד: פערד צום אַרבעטן, פערד צום שלעפּן משאות און פערד צום פאָרן און רייטן, (פאַר די בעסטע רייט־פערד רעכענען זיך די אַראַבישע און די ענגלישע רייינבלוטיקע פערד, וועלכע טראָגן דעם רייטער געשווינט ווי אַ ווינט). אויך די פאַרב און די גרייס פון דעם פערד איז געוועגדט אָן זיין עובדא ביים מענטשן.

וועלכע אייגנשאַפטן מאַכן דעם פערד פאַר דעם מענטשנס אַ העלפער? ערשטנס איז דער פערד אַ גרויסע און שטאַרקע בריאה. דער־הויפּט לאָזט זיך דאָס זאָגן וועגן די וואָגן־פערד, וואָס זיי קומט אויס צו שלעפּן מיט זייער ברייטער ברוסט שווערע משאות. אָבער אויך דער רייט־פערד איז אַ געזונטע חיה. אויף זיין עטוואָס אויסגעבויגענעם שטאַרקן רוקן טראָגט ער דעם מענטשן גאַנץ לייכט.

דער פערד איז אַזוי מסוגל צום רייטן און צום גיין אין שפּאַן, ווייל ער קען זייער גיך לויפן, און אין דעם פּרט קאָן ער זיך פאַרמעסטן מיט יעדער לייכט־פיסיקער חיה.

דעם פערדס פעאיקייט צו לויפן גיך נעמט זיך קודם־כל פון זיין שלאַנקער געשטאַלט. ביים האַסטיקן לויפן, למשל, אויף קאָנקורס־יאָגענישן, שטרעקט ער

אויס אויף צופריער דעם קאָפּ און דעם צונויפגעדריקטן האַלז, וואָס איז באַפּוצט מיט אַ גריווע; אַזוי אַרום באַקומט זיין קערפּער די פאָרם פון אַ מין שאַרפן קלין, וואָס שניידט לייכט דורך די לופט. צווייטנס, האָט דער פערד לאַנגע, לייכטע, דערביי אָבער זייער געזונטע **פיס**, וועלכע זיינען געבויט אַזוי ווי די פיס ביי אַ רינד. אָבער דער פערד באַרירט די ערד נאָר מיט דעם שפּיץ פון איין פינגער (וועלכער קומט אויס אויף דעם אָרט פון אונזער מיטלסטן פינגער). דאָס לעצטע גליד פון דעם פינגער איז זייער גרויס און איז באַקליידט מיט אַ האַרטער קאָפּיטע, אַזוי ווי מיט אַ שוך. אַדאַנק דער דאָזיקער קאָפּיטע קאָן זיך דער פערד שטאַרק איינשפּאַרן אין די אומגלאַטקייטן פון באָדן. דעריבער איז דער פערד אַ סך מער מסוגל צו ציען אַ וואָגן, ווי דאָס רינד מיט זיינע געשפּאָלטענע קלויען, אָדער דער הונט, וואָס האָט גאָר קיין קאָפּיטעס ניט. אַזוי ווי אונזערע פערד קומט דאָס רוב אויס צו באַוועגן זיך אויף אַ האַרטן באָדן (אויף ברוקירטע גאַסן, שאָסייען), באַשלאָגן מיר די קאָפּיטעס מיט אייזערנע פּאָדקע־וועס, כּדי די קאָפּיטעס זאָלן זיך ניט אָפּניצן צו שטאַרק.

דער גאַנג פון דעם פערד איז **אַ לייכטער** און **אַ עלאַסטישער**, און אַדאַנק דעם ווערט סיי דער פערד סיי דער רייטער פּאַרהיט פון צו שטאַרקע צעטרייסלונגען.

אויך די **גייסטיקע אייגנשאַפטן** פון דעם פערד מאַכן אים פּעאיק צו זיין אַ העלפער דעם מענטשן. געהאָרזאַם לאָזט ער זיך צוימען און שפּאַנען; אָנשטרענ־געַנדיק אַלע כּוחות, שלעפּט ער דעם שווערן וואָגן און מיט אַ געדולד, ממש צו באַ־וואונדערן, טראָגט ער דעם רייטער. ער פאָלגט דעם רוף פון זיין אָנטרייבער, פאַרשטייט, ווען מ׳לויבט אים און ווען מ׳בייזערט זיך, און אַפילו אין יאָרן אַרום דערקענט ער זיין אַמאָליקן באַלעבאָס און באַגעגנט אים מיט אַ פריידיקן הירזשען.

דער פערד איז אַ פלאַנצנפרעסער אַזוי ווי דאָס רינד (וואָס גיבן מיר עסן דעם פערד?). פּונקט ווי דאָס רינד פּאַקט דער פערד אַריין אַ גוזמא שפּייז. (פאַרוואָס?) מיט זיינע **באַוועגלעכע** ליפּן כאַפּט ער אָן אַ בינטל גראָז און שטופּט עס אַריין אין מויל. די צונג ביים פערד איז קירצער ווי ביי דעם רינד און אָן פּוקעלעך.

די **שניידציין** ביים פערד זיינען ברייטע און לאַנגע און אָנגעשטעלט קרום פאָראויס. דער פערד האָט צו 6 שניידציין אויבן און אונטן (נאָך די שניידציין לאָזט זיך דערקענען, ווי אַלט איז דער פערד)

אַזוי ווי דער פערד דאַרף צונעמען אַ סך שפּייז, האָט ער, אַזוי ווי דאָס רינד, **שטאַרקע** פיס (אים קומט אויס לאַנג צו האַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט), **אַ לאַנגן האַלז, אַ גרויסן מאָגן** און **אַ לאַנגע קישקע.**

דער פערד מוז, אַזוי ווי דאָס רינד, **דיין צערייבן די שפּייז.** דעריבער באַוועגן זיך די קינבאַקן ביי אַ פערד, אַזוי ווי זיי וואָלטן געמאָלן. **באַקציין** איז ביי אַ פערד פאַראַן אַ סך; זיי זיינען גרויסע מיט ברייטע פלאַכע קריינדלעך מיט טעמפּע פּוקעלעך פון געקנייטשטער עמאַל.

צוליב דער גרויסער צאָל באַקציין איז ביים פערד דער **קאָפּ צווייסגע־צויגן אין דער לענג.**

די **רייסציין** ביים פערד זיינען זייער קליינע אָדער [illegible]

ווען מ׳טוט דעם פערד אָן אַ ציימל, לייגט מען אים עס אַריין [illegible] צווישן די רייסציין און די באַקציין. דאָס רוב איז גענוג נאָר אַ קליינע [illegible] אָדער דריק צו טאָן, כּדי אָנצווייזן דעם פערד, אין וועלכער זייט ער זאָל זיך נעמען, [illegible]

כדי צו צווינגען אים צום גיין צי צום אָפּשטעלן זיך. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיינע ליפּן זיינען זייער פיינפילק.

דער פערד איז ניט מעלה=גרה ווי דאָס רינד.

די חושים ביי אַ פערד זיינען זייער שאַרפע. די נאָזלעכער זיינען ברייט. דאָס געהער זייער פיין, די אויגן גרויס און זעען גוט אַפילו אין דער פינסטער.

קעגן פליגן ווערט זיך דער פערד מיטן ווידל און מיט די פיס, אָדער צוקנדיק מיט דער הויט. קעגן גרעסערע שונאים שיצט ער זיך מיט די קאָפּיטעס און ציינער.

אַנדערע מינים פערד.

דער אייזל איז אינגאַנצן ענליך צום פערד. ער איז נאָר קלענער, פון גרויען קאָליר, מיט לאַנגע אויערן און אַ לאַנגן ווידל, וואָס לאָזט זיך אויס מיט אַ פרענזעלע האָר. דער אייזל איז ניט קיין איבערקלייבער, אָבער זייער איינגעשפּאַרט.

מישונגען פון אַ פערד און אַ אייזל הייסן מויל=אייזלען.

אין דרום און מזרח=אַפריקע לעבט די זעברע. איר קערפּער איז אויף דעם ווייסן אָדער העל=געלן גרונט באַצירט מיט שוואַרצע אָדער רויט=ברוינע קווער=שטרייפן.

2=טע און 3=טע משפחה. נאָזהערנער און טאַפּירן.

אין די טראָפּישע זומפּיקע און וואַלדיקע געגנטן פון אַזיע און אַפריקע לעבן נאָזהערנער. דער נאָזהאָרן קאָן גיין איבערן זומפּ אַדאַנק זיינע ברייטע דריי=פינגער=דיקע זוילן (פאַרגלייכט מיטן חזיר). וואוינענדיק אין די אוראַלטע וועלדער, קאָן דער נאָזהאָרן, אַזוי ווי דער העלפאַנד, זיך דורכשלאָגן אַ וועג דורך דער געדיכטעניש אַדאַנק זיין מגושמדיקן מאַסיוון קערפּער, זיינע פיס, וואָס זיינען אַזוי ווי סלופּעס, און זיין דיקער האַרטער האָר=דיקער הויט. דער נאָזהאָרן איז באַוואָפנט מיט אַ גרויזאַמען געווער — מיט אַ האָרן, וואָס זיצט ביי אים אויפן נאָז. דער אינדישער נאָזהאָרן האָט איין האָרן, דער אַפריקאַנישער — צוויי.

דער טאַפּיר, וואָס איז ענלעך אויף אַ חזיר, לעבט אין די זומפּן און טייך=נידערונגען פון די טראָפּישע אורוועלדער אין דרום=אַמעריקע און דרום=אַזיע. ער האָט דערום אַ האַרטע הויט, זייער קורצע האָר און זיינע פיס מיט אַ סך פינגער זיינען באַדעקט מיט קאָפּיטעס. דער טאַפּיר איז אַ פרידלעכער פלאַנצנפרעסער און זיין נאָז איז פאַרלענגערט אין אַ קורצן באַוועגלעכן שנוק.



11־טער כדר. וואלפישן.

זייגערס, לויט זייער געשטאלט ענלעכע אויף פיש, מיט א הויט אָן האָר, לעבן אין וואסער. הינטערשטע פיס פעלן, די פאָדערשטע האָבן די פאָרם פון פלוספעדערן, דער עק איז א האָריזאָנטאלער פלוספעדער.

דער גרענלענדישער וואַלפיש.

דער גרענלענדישער וואלפיש לעבט אין די צפונדיקע טיילן פון דעם אנטלאַנטישן און שטילן אָקעאַן. דער וואלפיש איז אַפילו אַ זויגער, אָבער אַזוי ווי אַ פיש, קאָן ער לעבן נאָר אין וואסער.

דער גרענלענדישער וואלפיש און אייניקע אַנדערע וואלפישן זיינען די גרעסטע פון אַלע זויגעדיקע בעלי־חיים. ער דערגרייכט אין דער לענג ביז 24 מעטער און וועגט ביז 150,000 קילאָגראַם (דאָס איז גלייך צו דעם געוויכט פון אַ 200 געזונטע אָקסן). אַזאַ ריזעדיקע באַשעפעניש קאָן לעבן נאָר אין וואסער, און דווקא אין ים (פאַרוואָס עפּעס?). דער קערפּער פון דאָס רוב יבשה־חיות רוט אויף פיר פיס, אַזוי ווי אַ בריק האַלט זיך אויף פאַליעס. כדי די בריק זאָל זיך ניט צעברעכן, מוזן די פאַליעס און די אַרקעס זיין שטאַרק און פעסט. ווען מ׳לייגט אָבער די בריק אויפן וואסער (למשל, אַ שיפבריק), דאַן איז אַזאַ פעסטקייט ניט נייטיק, ווארים דאָס וואסער האַלט דאַן אונטער די בריק אין אַלע פונקטן גלייכמעסיק; דעריבער קאָן מען אַזאַ בריק מאַכן אַ סך לענגער, ווי אַ בריק אויף פאַליעס. דער דאָזיקער פאַרגלייך גיט אונדז צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די גרויסע יבשה־חיות האָבן אַזעלכע שטאַרקע פיס און פאַרוואָס דער וואלפיש קאָן זיין אַזוי משונה גרויס.

דער וואלפיש לעבט שטענדיק אין וואסער. ווען ער וואָלט אַפילו געווען באַדעקט מיט האָר, וואָלט עס סיי ווי ווייניק־וואָס געשיצט זיין קערפּער פון אָפּקילונג, ווי געדיכט די האָר וואָלטן ניט געווען. דעריבער איז די הויט ביי אַ וואלפיש אַ הוילע, אָבער אונטער דער הויט האָט ער אַ דיקע שיכט פעטס (20—40 סאַנטימעטער די דיק). דאָס דאָזיקע פעטס האַלט אַזוי אונטער די ווארימקייט אין דעם קערפּער פון וואלפיש, אַז ער קאָן לעבן אין די קאַלטע ימען, וואָס ריינגלען אַרום דעם פּאָלוס.

דער וואלפיש באַוועגט זיך מאָדנע פלינק און גיך. אין אייניקע סעקונדעס באַווייזט ער צו אַנטרינען פון זיינע געשווינדסטע נאָכיאָגער.

זיין גוף האָט, אַזוי ווי דער גוף פון אַ פיש, די פאָרם פון אַ שיפל, וואָס שניידט דורך דאָס וואסער. קיין האַלז איז אויסערליך ניט צו באַמערקן.

שווימען שווימט דער וואלפיש, אַזוי ווי די פיש, דערהויפּט מיט דער הילף פון דעם עק, וועלכער האָט די געשטאַלט פון אַ ריזעדיקן פלוספעדער, וואָס איז אָנגעשטעלט ניט ווי ביי די פיש — ווערטיקאַל, נאָר פלאַזאָם, האָריזאָנטאַל. דריייענדיק אים, טראָגט זיך דער וואלפיש פאָראויס, פונקט אַזוי ווי אַ דאַמפשיף באַוועגט זיך מיט דער הילף פון דער שרויף. פאַטשנדיק מיטן עק אַראָפּ אָדער אַרויף, לאָזט זיך דער וואלפיש אַרונטער אָדער שווימט אַרויף אויפן וואסער.

די פאָדערשטע ענדגלידער דינען דעם וואלפיש פאַר אַ שטייער. דער אָרעם און דער פאָראָרעם פון די דאָזיקע ענדגלידער זיינען איינגאַנצן באַהאַלטן אין קערפּער. און אין וואסער שטעקן נאָר די האַנטוואָרצלען, אַזוי ווי ביי דעם ים־הונט. די

דאָזיקע האַנטוואָרצלען זיינען אָנגעשטעלט אין די זייטן און האָבן די געשטאַלט פון פלוספעדערן. בשעת מיר רודערן, לאָזן מיר אויך אַראָפּ אין וואַסער נאָר דעם בּרייטן עק פון דעם רודער (פאַרוואָ ?). קיין הינטערשטע ענדגלידער האָט דער וואַלפיש ניט די באַוועגלעכקייט פון דעם וואַלפיש ווערט פאַרשטאַרקט דורך דער גרויסער בּ י י ג ע וו ו ד י ק י י ט פ ו ן ד ע ם ג אַ נ צ ן ק ע ר פּ ע ר.

דאָס פ ע ט ס אונטער דער הויט און דאָס אייל (טראָן), וואָס זאַפּט דורך די מירביקע ביינער, מאַכן דעם ריזעדיקן קערפּער פון דעם וואַלפיש גרינגער אין וואַסער (פאַרוואָס ?).

דורך דער ג ל אַ ט ק י י ט פ ו ן ד ע ר ה ו י ט ווערט פאַרקלענערט די רייבונג אין וואַסער (דעם אונטערוואַסערדיקן טייל פון אַ שיף פלייסט מען זיך אויך צו מאַכן וואָס גלאַטער).

א ו י ע ר = ל ע פּ ל ע ן וואָלטן נאָר געשטערט דעם וואַלפיש ביים באַוועגן זיך; דעריבער פעלן זיי ביי אים. אונטערן וואַסער איז אָבער זיין געהער זייער אַ שאַרפער. ניט ווייט פון די מויל=ווינקלען ליגן די א ו י ג ן, וואָס זייגען די גרייס אַזוי ווי ביי אַ רינד.

אַזוי ווי אַלע זויגעדיקע בעלי=חיים, עטעמט דער וואַלפיש די פרייע אַטמאָס=פערישע לופט, אַלזאָ ניט ווי די פיש, וועלכע עטעמען די לופט, וואָס איז צעלאָזט אין וואַסער. די לונגען ביים וואַלפיש זיינען אומגעהייער גרויס און נעמען אַריין אין זיך אַ מאַסע לופט; דעריבער דאַרף ער אַרויפשווימען אַרויפ= צו נאָך פרישער לופט ניט אָפטער ווי אַלע 10—15 מינוט.



דער גרענלענדישער וואַלפיש.

די נ אָ ז ל ע כ ע ר ביים וואַלפיש, וועלכע האָבן די פאָרם פון שפּאַלטן, ליגן אויף דעם שפּיץ פון אַ אויסגעפּוקלטן טייל קאָפּ; דעריבער דאַרף ער אַרויסרוקן פון וואַסער בלויז דעם דאָזיקן טייל קאָפּ, האָט ער שוין ווידער פרישע לופט צום עטעמען. די פאַרניצטע לופט בלאָזט ער אַרויס מיט אַ גוואַלדיקן הילך דורך די נאָזלעכער. די אַרויסגעעטעמטע לופט איז אָנגעזאַפּט מיט וואַסערדאַמפּ. אַזוי ווי דער וואַלפיש לעבּט אין די קאַלטע לענדער, ווערט דער דאָזיקער דאַמפּ אין דער קאַלטער לופט גלייך פאַרגליווערט און זעעוודיק, פונקט ווי ביי אונז ווינטער, ווען מיר זאָגן, אַז פון מויל גייט אַ פּאַרע. דעריבער דאַכט זיך פון ווייטן אויס, אַז איבער דעם וואַלפיש הייבן זיך אויף פון קאָפּ צוויי אומגעהייערע זיילן דאַמפּ.

דער וואַלפיש איז אַ פלייששפרעסער. מיר קענען זיך גאָר ניט משער זיין, וואָס פאַר אַ גוזמא שפּייז אַזאַ מין קאָלאָס מוז האָבּן צום לעבן, און נאָר דער ים מיט זיין גרויס עשירות אין לעבעדיקע בּרואים קען אים אָנזעטיקן.

אַזוי ווי די שפּייזרער (ווּשט) ביים וואַלפיש איז זייער אַ ענגע, אַז ער קען

אַראָפּשלינגען אַ פיש ניט גרעסער, אַ שטייגער, ווי אַ הערינג, דעריבער מוז זיין שפּייז באַשטיין פון קליינע ברואים, וועלכע ער פאַרצערט אָבער אין גרויסע מאַסן. די קאַלטע ימען, וואו דער וואלפיש האַלט זיך אויף, שווימלען און גריבלען אויף סויזנטער קוואַדראַט־מיילן מיט מילי־מיליאָסן קליינע מאַלוסקן און קרעפּסלעך.



סקעלעט פון וואלפיש

דאָס ריזעדיקע אָנציינער־דיקע מויל פון דעם וואַלפיש, וואו עס קאָן זיך באַהאַלטן אַ קליין שיפל, דינט אים פאַר אַ מין נעץ צום כאַפּן די דאָזיקע קליינע ברואים.

פון גומען הענגען ביי אים אַראָפּ אין דער לענג צוויי ראָנדן דרייעקע־כיקע האָרנדיקע פלעטלעך (פון די דאָזיקע פלעטלעך באַקומט זיך דאָס אַזויגערופענע פישביין).

די מיטלסטע פלעטלעך דערגרייכן אין דער לענג ביז 5 מעטער און אַלע זיינען זיי פון דער אינווייניקסטער זייט צעהאַקט אַזוי ווי פרענז. אויפן דעק פון דעם מויל־חלל ליגט די פעסט צוגעוואַקסענע צונג, וועלכע זעט אויס ווי אַ גוואַלדיק שטיק פעטס. בשעת דער וואַלפיש טראָגט זיך איבערן וואַסער מיט אַ געעפנטן מויל, פאַלן אַריין אַהינצו אַ גרויסע מאַסע שנעקעס און קרעפּסלעך. דאָ פאַרמאַכט דער וואַלפיש דאָס מויל, די צונג ווערט צוגעפּרעסט צו דעם מיטלסטן טייל גומען (וואָס איז ניט באַדעקט מיט די האָרנדיקע פלעטלעך) און צו די פרענז פון די פלעטלעך. דורכדעם ווערט דאָס וואַסער אַרויסגעקוועטשט פון מויל, די ברואים אָבער, וואָס זיינען געבליבן הענגען אין די פרענז, ווערן אַדורכגעשטופּט מיט דער צונג אין שפּייזרער אַריין.

כדי דער פּיסק פון דעם וואַלפיש זאָל קענען פאַר אַמאָל כאַפּן אַ סך ברואים־לעך, דאַרף ער זיין זייער גרויס. דעריבער האָט דער וואַלפיש אַזאַ גרויסן קאָפּ (אַ פערט־אָדער אַ דריט־חלק פון דער לענג פון גאַנצן קערפּער).

דער וואַלפיש געבוירט געוויינטלעך נאָר איין קינד. אַזוי ווי די נייגעבוירענע וואַלפישעלעך מוזן גלייך נאָכשווימען נאָך דער מוטער אין וואַסער, קומען זיי אַרויס אויף דער וועלט גענוג אַנטוויקלטע און פולקום פעאיק צום באַוועגן זיך.

אנדערע וואַלפישן.

צו די אָנציינערדיקע וואַלפישן מיט די האָרנדיקע פלעטלעך אין מויל געהערט דער בלויער וואַלפיש אָדער דער וואַלריז, דאָס גרעסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט, דערגרייכט אין דער לענג ביז 30 מעטער.

אחוצדעם זיינען דאָ פאַרשיידערע מינים ציינערדיקע וואַלפישן, וואָס האָבן אין מויל אַ סך קאָנישע ציין פון איין לענג. די ציינערדיקע וואַלפישן זיינען אמתע רויב־חיות. דער שווערדוואַל אָדער דער מערדער, וואָס דערגרייכט אין דער לענג ביז 9 מעטער, וואַרפט אָן אַ אימה אויף די גרעסטע חיות פון ים און דערוועגט זיך אָנצופאַלן אַפילו אויף די וואַלריזן.

צו די ציינערדיקע וואַלפישן געהערן אויך די פאַרשיידענע מינים פון די אַזוי־גערופענע ים־חזירים אָדער דעלפינען (ביז 2 מעטער די לענג), וואָס לעבן אין

אַלע ימען פון דער ערדקויל. וויאַזוי עס איז דעם ים־פֿאָרער צו קוקן, ווי אַזוי די דעלפינען שפּילן זיך, פּונקט אַזוי זיינען זיי פֿאַרהאַסט ביי די פישער, וואָרים זיי פֿאַרשלעפּן און צערייסן זייערע נעצן.

זייער אַ אויסטערלישע באַשעפעניש איז דער נ אַ ר וו אַ ל; דער זכר האָט אין דער אייבערשטער קינבאַק אַ גראָדן צאָן, אָפּט ביז 2 מעטער לאַנג. באַלד אַזוי גרויס ווי דער גרענלענדישער וואַלפיש איז דער ק אַ ש אַ ל אָ ט, וואָס באַוואוינט אַלע ימען אַחוץ דעם צפונדיקן אייז־אָקעאַן. דאָס געיעג אויף אים איז פֿאַרבונדן מיט סכנות־נפשות.

די ב אַ ט ייטונג פון די וו אַ לפישן פ אַ ר דעם מענטשן. שוין עטלעכע הונדערט יאָר, ווי דער מענטש יאָגט זיך נאָך וואַלפישן; פון איין גרענלענדישן וואַלפיש באַקומט מען אויף אַ סך צענדליקער טויזנטער רובל טראָן און פישביין. די אומגליקלעכע וואַלפישן ווערן דערהרגעט דורך האַרפּונען, וועלכע מ׳וואַרפט מיט דער האַנט אָדער מ׳שיסט אַרויס פון אַ באַזונדער מין האַרמאַטל. די לעצטע צייט געברויכט מען דערצו קוילן, וועלכע רייסן זיך אויף ביים וואַלפיש אין קערפּער און טייטן אים אָפּט אין איין אויגנבליק. דער געטייטער וואַלפיש ווערט מיט קייטן באַפעסטיקט צום שיף און אַוועקגעשלעפּט צו אייגער פון די וואַלפיש־סטאַציעס, וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט אויסגעבויט אין אַ גרויסער צאָל אויף די צפונדיקע ברעגן פון נאָרוועגיע און רוסלאַנד. דאָ „מאַכט“ מען דעם וואַלפיש; דער חלב ווערט אויסגעשניטן און אויסגעקאָכט אין קעסלען (טראָן), די האָרנדיקע פּלעטלעך ווערן אַראָפּגענומען (פישביין) און פון די ביינער און פלייש אַרבעט מען אויס אַ גוט מיטל צום פעטמאַכן די פעלדער.

דער מענטש האָט אַזוי אומברחמנותדיק פֿאַרטיליקט דעם גרענלענדישן וואַלפיש, אַז אין אייראָפּע איז ער שוין כמעט פֿאַרשוואונדן. דאַן האָט מען זיך גענומען צו די אַנדערע מינים וואַלפישן.

12־טער סדר. קנאַפּצייניקע.

די קנאַפּצייניקע בעלי־חיים האָבן אָבער אינגאַנצן קיין ציין ניט אָדער אומפולשטענדיקע ציין אָן עמאַל און אָן וואָרצלען. זייערע ענגלידער זיינען באַוואָפנט מיט לאַנגע שאַרנדיקע אָדער סערפּנפֿאָרמיקע קרעלן.

דער דרייפינגערדיקער פוילִיאַק אָדער אַיי.

אַ משפחה פוילִיאַקעס

דער פוילִיאַק, אַ באַוואוינער פון די בראַזילישע אורוועלדער, אין אַן אמתע בוים־חיה (פֿאַרגלייך מיט דעם אָראַנג־אוטאַן). מיט די לאַנגע קרעלן, אויסגעבויגענע אין דער פֿאָרם פון סערפּן, קלעטערט ער אָדער הענגט גאַנצענע טעג אויף די צווייגן פון די ביימער, גאָרניט מיד ווערנדיק. דער מאָדנע באַוועגלעכער האַלז ערלויבט אים צו פֿאַרדרייען דעם קאָפּ אַפילו ביז אויפן רוקן און אָבסערווירן די געגנט פון אַלע זייטן. פֿאַר קלעטערנדיקע רויב־חיות האָט ער קנאַפּ־וואָס מורא, וואָרים זיי קענען אים ניט נאָכיאָגן אויף די דינע צווייגן. און קעגן די גרויסע רויב־פייגל (למשל דעם אָדלער) איז ער געשיצט דורך דעם קאָליר פון זיין פעל. ניט קוקנדיק

אויף זיינע לאַנגזאַמע פוילע באַוועגונגען, געפינט ער גענוג שפּייז (בלעטער און פּירות), וואָרים אין די אורוועלדער וואַקסן זיי, קען מען זאָגן, אים ממש אין מויל אַריין.

13=טער סדר. בייטל=חיות.

דאָס זיינען בעלי=חיים, וואָס האָבן אויפן בויך אַ מין בייטל, וואו עס אַנטוויקלען זיך די קינדער, וועלכע ווערן געבוירן אומאַנטוויקלטערהייט.

דער קענגורו.

דער קענגורו באַוואוינט די העלע שיטערע וועלדלעך און די סטעפּנדיקע פליינען פון אַוסטראַליע. ער באַוועגט זיך דאָס רוב שפּרינגענדיקערהייט, דעריבער זיינען ביי אים, אַזוי ווי ביי אַלע שפּרינגער, די הינטערשטע פּיס זייער לאַנג און שטאַרק.

איבערגעשראָקן פון עפּעס, קאָן ער געבן אַ שפּרונג ביז 10 מעטער און ממש אַריבערפליען איבער קוסטעס און ערד=שפּאַלטן. אין באַרגיקע און וואַלדיקע געגנטן קאָנען אים דעריבער ניט דעריאָגן ניט קיין הונט און ניט קיין פערד. ביים אָפּרוען זיצט דער קענגורו נאָר אויף די הינטערשטע פּיס, אָנלענענדיק זיך אויף זיין שטאַרקן און דיקן וויידל. די פאָדערשטע פּיס דינען כמעט ניט דעם קענגורו ביים באַוועגן זיך, דערום זיינען זיי אַ סך קירצער און שוועכער פאַר די הינ=טערשטע; דער קענגורו גע=ברויכט זיי אָנשטאָט הענט, אַדאַנק זייערע באַוועגלעכע פינגער.



א טשערעדע קענגורוס

שפּייזן שפּייזט זיך דער קענגורו מיט גראָז, דערי=בער זיינען ביי אים די ציין ווי ביי אַ פלאַנצנפרעסער. דער קאָפּ פון אַ קענגורו איז שטאַרק ענלעך אויף דעם קאָפּ פון אַ ווילדער ציג. אויך די גרוי=ברוינע פאַרב פון דער פעל דערמאָנט דעם קאָליר פון דער סאַרנע; די דאָזיקע פאַרב האַרמאָנירט מיט דער פאַרב פון דעם באָדן.

די קינדער פון דעם קענגורו (אַזוי ווי פון אַלע אַנדערע בייטל=חיות) ווערן געבוירן אַ סך ווייניקער אַנטוויקלט ווי ביי אַלע איבעריקע זויגערס. אַ דערוואַקסענער קענגורו דערגרייכט זיצנדיקערהייט די וואוקס פון אַ מענטשן, און אַ ניי=געבוירן קענגורועלע האַלט אין דער לענג נאָר אַ 2 סאַנטימעטער, איז אינגאַנצן נאַקעט, בלינד און בלויז מיט סימנים פון ענדגלידער. אַזאַ אומבאַהאָלפענע באַשעפעניש נייטיקט זיך אין אַ גאַנץ באַזונדער צוזען. זי געפינט עס ביי דער מוטער אין בייטל (אַ גרויסער הויט=פאַלב אויפן בויך). ערשט אין אַ חדשים 7 אַרום שטעקט דאָס קליינע קענגורועלע צום ערשטן מאָל אַרויס דעם קאָפּ פון בייטל, און דאַן הייבט ער אָן אַרויסצוגיין אָפטער אויף אַ לענגערער אָדער קירצערער צייט.

אין די לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן האָבן די בייטל=חיות געלעבט אויף דער גאַנצער ערד, אָבער שפּעטער זיינען זי אויסגעשטאָרבן געוואָרן פון העכערע מינים. נאָר אין אויסטראַליע, וואָס איז איזאָלירט פון אַנדערע קאָנטינענטן, און אויף די דערביישטיקע אינזלען, האָבן זיי זיך אויפגעהיט עד=היום. אַזוי ווי דאָרט זיינען קיין אַנדערע זויג=חיות ניט געווען, זיינען זיי געבליבן פאַרשוינט פון דעם שרעקלעכן קאַמף פאַרן קיום.

14=טער סדר. שנאָבלנעזער.

זויגערס, וואָס לייגן אייער און וואָס מיט קינבאַקן, זיינען אויסגעצויגן ווי אַ שנאָבל.

דער שנאָבלנאָז.

(די לענג מיטן וויידל 50—60 סאַנטימעטער).

דער שנאָבלנאָז איז אַ באַוואוינער פון דרום=מזרח אַוסטראַליע און טאַסמאַניע. אַזוי ווי דער טייכהונט און דער ביבער, איז דער שנאָבלנאָז אַן אמתע וואַסער=

דער שנאָבלנאָז

חיה. זיין קערפּער איז דעריבער אין אַ סך אופנים גלייך צו דעם קערפּער פון די דערמאָנטע בעלי=חיים. זיין פעל איז אַ דיקע און ווערט ניט דורכגענעצט פון וואַסער. דער קאָפּ איז קליין, דער האַלז קורץ, דער גוף אויסגעצויגן אין דער לענג; דער ווידל דינט פאַר אַ שטייער, די פיס זיינען זייער קורצע און פאַרזען מיט שווים=הייטלעך. קיין אויער=לעפּלען זיינען ניטאָ און די עפענונגען פון די געהער=אָרגאַנען קענען זיך איינגאַנצן פאַרמאַכן. אַזוי ווי יענע חיות, גראָבט ער זיך אויך אויס ביים ברעג פון אַ וואַסער אַ הייל מיט דער הילף פון זיינע פינגער מיט זייערע שטאַרקע קרעלן. אָבער שוין פון דעם ערשטן אָנבליק קען מען אים אונטערשיידן פון אַ טייכהונט און פון אַ ביבער צוליב דעם בוי פון זיין מויל. להיפוך אַלע זויגערס, האָט ער אַ שנאָבל אַזוי ווי ביי אַ ענטל און פונקט ווי אַ ענטל גראַבלט ער זיך אין די וואַסערפלאַנצן און אין דעם שליים, זוכנדיק ווערים, שלייערלעך פון אינסעקטן, שנעקעס און דערהויפּט קרעפּסלעך.

די דאָזיקע אויסטערלישע באַשעפעניש פאַרמערט זיך אויף אַ מערקווירדיקן אופן: דער שנאָבלנאָז לייגט אייער און ברייט זיי אַליין אויס מיט דער וואַרימקייט פון זיין קערפּער. אין דעם פּרט האָט ער זיין גלייכן אין דער עכידנע, וואָס איז ענלעך לויטן אויסזען אויף אַ שטעכלער, וואָרים זי איז אויך באַדעקט מיט אַ נאָדל=פּאַנצער. די עכידנע לעבט אין טאַסמאַניע, אַוסטראַליע און ניי=גווינעיע און שפּייזט זיך מיט מוראַשקעס.